STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11417

MUZIK IN UNDZER LEBN

V. M. Lenzon

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביבליִאָטעק פון „סאָוועטיש היימלאַנד" (77) № 5

בײַלאַגע צום זשורנאַל נומ. 5, 1987

וויקטאָר לענזאָן

מוזיק אין אונדזער לעבן

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" • מאָסקווע • 1987

אונטער דער אלגעמיינער רעדאקציע
פון אַרן ווערגעליס

וויקטאָר לענזאָן איז געבוירן געוואָרן אין 1951 אין מאָסקווע. נאָכן פארענדיקן די מאָסקווער קאָנסערוואטאָריע ארבעט ער אלס וויסנשאפטלעכער טוער אינעם הויז־מוזיי פון פ. אי. טשייקאָווסקין אין דער שטאָט קלין. אונטערריכטעט פאָרטעפיאנאָ אין מוזיקאלע שולן און אין אינסטיטוטן, לייענט לעקציעס וועגן טעאָריע און געשיכטע פון דער מוזיק. אין 1984 פארטיידיקט ער א דיסערטאציע און באקומט דעם טיטל קאנדידאט פון קונסטקענטעניש. פאר די לעצטע יאָרן האָט וו. לענזאָן פארעפנטלעכט א גרויסע צאָל ארטיקלען וועגן מוזיק אין די זשורנאלן „סאָוועטסקאיא מוזיקא", „מוזיקאלנאיא זשיזן", „מעלאָדיא", „עסטראדא אי צירק". אין זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" דרוקט ער רעגולער ארטיקלען וועגן ייִדישער מוזיק. וווינט אין מאָסקווע.

יולי ענגעל — דער קריטיקער, פאָלקלאָריסט און קאָמפּאָזיטאָר

די געשיכטע פון דער מוזיק אין רוסלאַנד אפן ראַנד פונעם XIX און XX יאָרהונדערטער איז רייַך מיט נעמען פון גרויסע קאָמפּאָזיטאָרן און מוזיק־פאָרשער. צו זיי געהערט אויך יולי ענגעל, וועמענס פילזייַטיקע טעטיקייַט האָט געדינט דער פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג אין דער מוזיקאַלישער שאַפונג, פאָרשונג, פאָלקלאָריסטיק פון יענער צייַט. בעעמעס גרויס איז דאָס פעלד פון זייַן טעטיקייַט. א באַגאַבטער קריטיקער, האָט ער אַף א נייַעם אויפן באַלויכטן אייניקע פּראָבלעמען אין דער געשיכטע פון דער מוזיק, געשאַפן פונדאַמענטאַלע אַרבעטן וועגן מוסאָרגסקין, רימסקי־קאָרסאַקאָוון, סקריאַבינען. ער איז אויך דער פאַקטישער גרונטלייגער פונעם פּראָפעסיאָנעלן דערלערנען די ייִדישע פאָלקס־מוזיק אין רוסלאַנד, איינער פון די ערשטע אַוטאָרן, וועלכע האָבן באַאַרבעט דעם ייִדישן פאָלקלאָר. ענגעל האָט אויך געשאַפן אייגענע מוזיק, וועלכע האָט זיך באַזירט אַף די נאַציאָנאַלע טראַדיציעס. אין די נאָכרעוואָלוציאָנערע יאָרן האָט ער ענערגיש מיטגעווירקט דער פּראָפּאַגאַנדע פון דער סאָוועטישער מוזיקאַלער קולטור. ס'איז אויך, צווישן אַנדערס, באַוווּסט זייַן טעטיקייַט אַלס מוזיקאַלישער דערציִער פון דער מוסטערהאַפטער קינדער־קאָלאָניע אין מאַלאַכאָווקע.

געבוירן געוואָרן איז יו. ד. ענגעל דעם 16 אַפּרעל 1868 אין דער שטאָט בערדיאַנסק. דאָרט האָט ער פאַרענדיקט די גימנאַזיע און איז אָנגעקומען אין 1886 אפן יורידישן פאַקולטעט פונעם כאַרקאָווער אוניווערסיטעט. א שטאַרקן רוישעם האָבן אַף אים געמאַכט די גאַסטראָל־אַרויסטרעטונגען פון דער פּריוואַטער רוסישער אָפּערע פון ס. אי. מאַמאָנטאָוו אין דער געבייַדע פונעם כאַרקאָווער אָפּערע־טעאַטער. דער יונגער סטודענט הייבט אָן צו באַזוכן לעקציעס אין דער מוזיק־שול. אין 1890 פאַרענדיקט ער דעם אוניווערסיטעט און

די שול. ער האָט שטודירט מוזיק־טעאָריע בא אנדריי אנדרייעוויטש יוריאַן, דעם שילער פון רימסקי־קאָרסאקאָוון, און בא ל. פּ. גאָמעלאָס — דעם אָרגאַניסט אין דער פּעטערבורגער קאָנסערוואטאָריע.

אפן באשלוס צוווידמען דאָס גאנצע לעבן דער מוזיק האָט אופגעווירקט די באגעגעניש פונעם יונגן מוזיקער מיט פּ. אי. טשײַקאָווסקין, וועלכער האָט באזוכט כארקאָוו אין פרילינג 1893. לויט דער אייצע פונעם קאָמפּאָזיטאָר, האָט ענגעל אָפּגעגעבן אין זעלבן יאָר דעם עקזאמען אין דער מאָסקווער קאָנסערוואטאָריע און איז אָנגענומען געוואָרן אין ס. א. טאנייעווס קלאס. קאָמפּאָזיציע האָט ענגעלן געלערנט איפּאָליטאָוו־איוואנאָוו.

דעם 2 אָקטיאבער 1893 האָט אין דער מאָסקווער צײַטונג „נאָוואָסטי דניא" זיך באוויזן ענגעלס א נאָטיץ. ער איז ארויסגעטראָטן אונטערן פסעוודאָנים Ciusto (אין איטאליעניש באטײַט עס — א גערעכטער, א געטרײַער). מיט דעם דאָזיקן פסעוודאָנים האָט ער אונטערגעשריבן אויך די נאָטיצן און ארטיקלען, וועלכע ער האָט געדרוקט שפּעטער אין דער זעלבער „נאָוואָסטי דניא" און אין „קוריער". זײַן ערנסטע ארבעט אין דער קריטיק — סײַ אין געביט פון דער קלאסישער רוסישער מוזיק, סײַ אין געביט פון דער ייִדישער מוזיק — הייבט זיך אָן עטוואָס שפּעטער.

נ. ד. קאשקין, דער סאמע אויטאָריטעטער פון די מאָסקווער מוזיק־קריטיקער, האָט אין 1897 אײַנגעלאדן ענגעלן צו זיך פאר א געהילף אינעם מוזיק־אָפּטייל פון דער צײַטונג „רוסקיִע וועדאָמאָסטי", און אין א יאָר ארום האָט ער אים איבערגעגעבן דאָס פארוואלטן מיטן אָפּטייל. בעמעשעך פון א סאך יאָרן אנטוויקלט זיך דאָ ענגעלס קריטיש־פּובליציסטישער טאלאנט. זײַנע ארטיקלען האָבן זיך אויסגעטיילט מיט זייער טיפן אינהאלט און זעלטענעם טאקט אפן פּאָן פון דער מוזיק־קריטיק פון יענע טעג, וועלכע איז געווען אָדער אן אבסטראקטע, אָדער א צו ספּעציִעלע און טרוקענע.

און נאָך צוויי מיטצײַטלער האָבן געווירקט אף ענגעלן דעם קריטיקער — וו. וו. סטאסאָוו און מ. ג. לונץ. ענגעל, ווי ער אליין האָט זיך מודע געווען, האָט זיך דערצויגן „אין סטאסאָווס גלויבן". מ. ג. לונץ, דער פּובליציסט, געלערנטער, רעוואָליוציאָנער, האָט דערנעענטערט דעם מוזיקער צו די סאָציאַל־דעמאָקראטישע, דערנאָך באָלשעוויסטישע קרײַזן. אָט די נאָענטקײַט האָט ווּזנטלעך געווירקט אפן געהעכערטן געזעלשאפטלעכן טאָנוס פון ענגעלס שאפונג.

אין ענגעלס פילארטיקער טעטיקייט איז שווער צו אנטפלעקן אלס איקער־דיקע א וועלכע־ניט־איז איינציקע זייט. ס׳איז אומעגלעך צו כאראקטעריזירן זיין ארבעט פון א יידישן קאמפאזיטאר, ניט האבנדיק קיין פארשטעלונג וועגן זיינע פארבינדונגען מיט דער קלאסישער רוסישער מוזיק. אויך שווער איז צו באנעמען דעם זין פון זיין ווענדונג צו דער יידישער קולטור, ניט אויסקלארנ־דיק פאר זיך זיין געזעלשאפטלעכע, סאציאלע פאזיציע ערעוו דער ערשטער רוסלענדישער רעוואליוציע פון 1905 יאר, דערנאך — ערעוו דער גרויסער סאציאליסטישער אקטיאבער־רעוואליוציע.

די פינף און צוואנציק יאר פון ענגעלס קריטיש־מוזיקאלישער טעטיקייט (1893—1918) זיינען צונויפגעפאלן מיט איינער פון די פראדוקטיווסטע טקו־פעס פון דער מוזיקאלישער מאסקווע. די קאנסערוואטיווע קריטיקער האבן קאנ־סעקווענט „ניט אופגענומען" סקריאבינען, דערנאך סטראווינסקין און פראקאָ־פיעוון. זיי דערווידערן אויך קעגן דעם ווידערגעבורט פון די עמעסע ווערטן פונעם נאציאנאלן פאלקלאר. אין אזא אומגעבונג איז וויכטיק פעסטצושטעלן, וואס פאר א שטעלונג האט פארנומען י. ד. ענגעל אינעם קאנפליקט צווישן דעם קאנסערוואטיזם און דעם נייעם, וויאזוי עס האט זיך אים איינגעגעבן א קוק צו טאן אף דעם רעאלן מאצעוו אין דער מוזיק.

דערנעענטערנדיק זיך שוין צום סאף פון זיין מוזיקאליש־קריטישער טעט־טיקייט, האט ער געשריבן: „די קונסט, אזוי ווי דאס לעבן, שאפט זיך ניט בלויז אדאנק דער געוואגטקייט פון דרייסטע מענטשן, נאר אויך דורך דער פארזיכטיקייט פון די קלוגע, ניט בלויז אין רעזולטאט פון א פארויסגאנג צו דער צוקונפט, נאר אויך שטיצנדיק זיך אפן אוואר. און ווייל איז דעם לאנד, וואס געבוירט אזעלכע וואנזיניקע, ווי סקריאבין, און אזעלכע כאכאמים, ווי טאנייעוו..."

ענגעל איז געווען איינער פון די ערשטע, וואס האט אביעקטיוו און ריכטיק אפגעשאצט די שאפונג פון רימסקי־קארסאקאוון. אויך טשייקאווסקי איז טייער דעם אווטאר. אין די יארן, ווען טשייקאווסקיס מוזיק איז געווען דער אביעקט פאר פארביסענע אנפאלן, פלעגט ענגעל רויק און אווטאריטעט ארויסטרעטן אין איר פארטיידיקונג. „ס׳וועט דורכגיין די צייט פון דער רעאקציע קעגן טשייקאווסקין, — האט ער געשריבן. — זי וועט אפטרעטן דאס ארט פאר א נייער עפאכע — דער עפאכע פון סינטעז, ווען די פאזיטיווע באציונג און די נעגאציע וועלן צווישן זיך שאלעם מאכן און שאפן אן ענדגילטיקע, דורכקאנ־טראלירטע מיצאד דער דערפארונג פון פארשיידנפילנדיקע דויערס באציונג צו

טשייקאָווסקין. העכער פון דעם שוואכן, צייטווייליקן, איבערגייענדיקן וועט אָן א סאָף שיינען אין זיינע שאפונגען דאָס שטענדיק שטארקע און פרעכטיקע״. אָט די עפּאָכע פונעם סינטעז, וועלכן עס שטייט פאָר צו באשטעטיקן דעם ניט־איבערגייענדיקן רום פונעם „גרויסן ליריקער, גרויסן סימפאָניסט״, האָט ענגעל פארבונדן מיט דער אָנקומענדיקער געזעלשאפטלעכער באנייונג פונעם רוסישן לעבן, מיטן „נייעם פרילינג״, וועמענס קויכעס עס רייפן אין די טיפעניש פונעם פאָלקס־גייסט.

ענגעלס ארטיקלען זיינען דורכגעדרונגען מיט א שטענדיקער גינסטיקער באציִונג צו דעם נייעם אין דער קונסט. ניט אלעמאָל נעמט ער אויף אָט דאָס נייע, נאָר טאָמיד וויל ער עס פארשטיין און — א זעלטענער פאל אין דער קינסטלערישער קריטיק! — ער איז גרייט אנערקענען, אז אליין האָט ער עס ניט פארשטאנען. כאראקטעריסטיש פאר דער אָביעקטיווקייט פונעם קריטיקער איז דאָס, וואָס, ניט זייענדיק קיין „סקריאבּיניסט״, האָט ער דאָך אויסגעפילט לעגאבע סקריאבינס אָנדענק דעם זעלבן גרויסן כוווו, וועלכן וו. סטאסאָוו האָט אויסגעפילט בענעגייע גלינקאן, מוסאָרגסקין און באָראָדינען: ער האָט געשאפן די ערשטע און די איינציקע אין דעם ארט דאָקומענטאלע ביִאָגראפיע פון דעם קאָמפּאָזיטאָר, זאמלענדיק נאָך די פרישע שפורן זיכרוינעס פון די נאָענטע צו סקריאבינען מענטשן און אָנשטרענגענדיק דעם אייגענעם זיקאָרן. דערביי האָט ער ניט אָנגעבונדן דעם לייענער זיין ליידנשאפט.

וואָגיק איז ענגעלס ליטערארישע און אָרגאניזאציאָנעלע טעטיקייט אין מוזיקאליש־אינפאָרמאטיוון געביט. ער האָט פארלייגט די יעסוידעס פון דער רוסישער מוזיק־לעקסיקאָגראפיע. שוין אין סאָף פונעם XIX יאָרהונדערט האָט ער פאָרגענומען דאָס ארויסגעבן אף רוסיש רימאנס — דעם בעסטן דעמלט — דייטשישן מוזיק־לעקסיקאָן. דעם לעקסיקאָן האָט ארויסגעלאָזט דער מאָסקווער מוזיק־פארלאג פון פּ. אי. יורגענסאָן. אן אָפּשאצונג פון דער ארבעט איבער דער רוסישער אויסגאבע פון רימאנס מוזיק־לעקסיקאָן האָט אין אונדזערע טעג געגעבן די קריטיק: „דער לעקסיקאָן שטעלט מיט זיך פאָר די גרעסטע ביז־רעוואָליוציאָנערע אויסגאבע אין געביט פון מוזיקאלישער אינפאָרמאטיווער ליטעראטור... דער רוסישער אָפּטייל, וועלכער איז בא רימאנען געווען ניט קיין באפרידיקנדיקער, איז געוואָרן אינגאנצן איבערגעארבעט. די רעדאקציע האָט דורכגעמאכט א קאָלאָסאלע ארבעט פאר אָפּזוכן די יעדיעס וועגן רוסישע מוזיק־טוער און מוזיקאלע אינסטיטוציעס. זי האָט צוגעגעבן בא אכט הונדערט ארטיקלען. דער רוסישער אָפּטייל פונעם לעקסיקאָן האָט, אזויארום, א זעלבשטענ־

דיקע וויסנשאַפטלעכע ווערט. ער באַלײַכט אַ ריי נײַע טעמעס: מוזיק־ארויסגעבער, ביבליאָטעקן, אָפּערעס אין רוסלאַנד, באַ זעקס הונדערט ביאָגראַפּיעס פון מוזיקער אאַוו.". די גרעסטע אַרבעט האָט דאָ אויסגעפּילט ענגעל. אין יאָרן אַרום, ערעוו דער וועלט־מילכאָמע, האָט ער צוגעגרייט די צווייטע, איבערגעאַרבעטע אויפלאַגע פונעם „רוסישן רימאַן", נאָר זי איז געבליבן אין פּראָיעקט. אָנהייבנדיק פון דער פערטער אויפלאַגע פונעם רוסישן ענציקלאָפּעדישן לעקסיקאָן פון דער „געזעלשאַפט גראַנאַט", פירט אין אים ענגעל דעם מוזיק־אָפּטייל. דער לעקסיקאָן איז געווען דער סאַמע פּראָגרעסיווער פון אַלע ביזרעוואָליוציאָנערע רוסישע אויסגאַבעס פון דעם מין.

דער אויפבלי פון ענגעלס געזעלשאַפטלעכער אַקטיווקײַט קומט פאָר אָן סאָפּעק אין 1905. פאַר אים איז עס אַ צײַט, ווען ער קומט אין נאָענטן באַריר מיט רעוואָליוציאָנערע און נאָענטע צו דער רעוואָליוציע קרײַזן. מע לאַדט אים אײַן אין 1904 צו פירן מוזיק־איבערזיכטן אינעם זשורנאַל „פּראַוודאַ", ווו מיטאַרבעטער זײַנען די באָלשעוויקעס אַ. אַ. סטעפּאַנאָוו־סקוואָרצאָוו, אַ. וו. לונאַטשאַרסקי, נ. אַ. ראָזשקאָוו, מ. ג. לונץ. אַקטיווער אַרבעט ער איצט אין „רוסקיע וועדאָמאָסטי", באַרירנדיק אויך דאָס געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע לעבן אין לאַנד. פון זײַן אויטאָביאָגראַפישער נאָטיץ דערוויסן מיר זיך, אַז ער האָט, „אָנהייבנדיק פונעם 1900, פיל מאָל געדרוקט אַרטיקלען און פעליעטאָנען איבער אַלגעמיינע פראַגן (טעאַטער, ליטעראַטור, בילדונג אאַ.), אונטערכאַסמענענדיק זיך מיטן אָס V אָדער בכלל אָן אַ כסימע". אין די שטורמישע יאָרן 1904—1905 האָט מען אים פאַרטרויט צו פירן דעם אָפּטייל פון די לעצטע נײַעס, וועלכע מע פלעגט איבערגעבן פון פעטערבורג דורכן טעלעפאָן. צוליב אָט דער אַרבעט האָט מען געדאַרפט האָבן ניט בלויז אַ זשורנאַליסטישע דערפאַרונג, נאָר אויך אַ פּאָליטישן געפיל און כוש. אָבער דעם פאָרשלאָג צו ווערן דער פּאָליטישער קאָרעספּאָנדענט פון דער זעלבער צײַטונג באַ דער ערשטער מעלוכע־דומע האָט ענגעל ניט אָנגענומען.

אין 1905 איז אין דעם מוזיקאַלישן לעבן פאָרגעקומען אַ מערקווירדיקע געשעעניש. די פירנדיקע טוער פון דער מוזיק האָבן אָנגענומען דעם אַזויגערופענעם „באַשלוס פון די מאָסקווער קאָמפּאָזיטאָרן און מוזיקער", וועלכע זײַנען אַרויסגעטראָטן קעגן דעם צאַריזם, פאַר פרײַהײַט אין לאַנד. אָט איז זײַן טעקסט:

„לעבעדיק איז נאָר די פֿרײַע קונסט, פֿריידיק איז נאָר די פֿרײַע שאַפֿונג". צו אַט די שיינע ווערטער פֿון די כאַווײרים — קינסטלער שליסן מיר, מוזיקער, זיך פֿולשטענדיק אָן. מיט קיין שום זאַך אין דער וועלט, גוץ דער אינערלעכער זעלבסטבאַשטימונג פֿונעם קינסטלער און די יעסוידעסדיקע פֿאָדערונגען פֿונעם צוזאַמענלעבן טאָר ניט באַגרענעצט ווערן די פֿרײַהײַט פֿון דער קונסט. אויב זי וויל נאָר זײַן אַ בעעמעס מעכטיקע, בעעמעס הייליקע, אויב זי וויל זײַן בעעמעס בעקוויעך זיך אָפּרופֿן אויף די טיפֿסטע פֿאָדערונגען פֿונעם מענטשלעכן גײַסט. אָבער ווען דאָס לעבן איז געפּענטעט, קאָן אויך די קונסט ניט זײַן פֿרײַ, ווײַל די קונסט איז נאָר אַ טייל פֿונעם לעבן. ווען אין לאַנד איז ניטאָ ניט קיין פֿרײַהײַט פֿון געוויסן און געדאַנק, ניט קיין פֿרײַהײַט פֿון פּרעסע און וואָרט, ווען פֿאַר אַלע שעפֿערישע איניציאַטיוון פֿונעם פֿאָלק שטעלט מען אוועק מעניעס, — דאַן גויסעסט אויך די קינסטלערישע שאַפֿונג. ווי אַ ביטערער כויזעק קלינגט דער נאָמען פֿונעם פֿרײַען קינסטלער. מיר זײַנען ניט קיין פֿרײַע קינסטלער, נאָר אַזוי ווי די אַנדערע רוסישע מענטשן זײַנען מיר רעכטלאָזע קאָרבאָנעס פֿון די הײַנטצײַטיקע אומנאָרמאַלע געזעלשאַפֿטלעך־רעכטלעכע באַדינגונגען, און דער אַרויסגאַנג פֿון אָט די באַדינגונגען איז, לויט אונדזערע איבערצײַגונגען, נאָר איינער: רוסלאַנד דאַרף ענדלעך אַרופֿטרעטן אויפֿן וועג פֿון יעסוידעסדיקע רעפֿאָרמען..."

ניט צופֿעליק ברענגען מיר דאָ אָט דעם טעקסט. לויט פּילצאָליקע גוויעסאיידעס, דעריין אויך פֿון ס. אַ. טאַנייעוון און ענגעלס אַלמאָנע, האָט דעם טעקסט צונויפֿגעשטעלט ענגעל. דער „באַשלוס" האָט פֿאַרייניקט אַלע פּראָגרעסיווע מוזיקער און איז געוואָרן די ערשטע אין דער געשיכטע פֿון דער רוסישער געזעלשאַפֿטלעכקײַט פּאָליטישע אַרויסטרעטונג פֿון די טוער פֿון דער מוזיק. גלײַך האָט זיך אָפּגערופֿן אויפֿן „באַשלוס" רימסקי־קאָרסאַקאָוו, וועלכער האָט געבעטן דורך דער צײַטונג „נאַשי דני" צוגעבן די כסימע פֿונעם פּעטערבורגער מוזיקער צו די כסימעס פֿון די מאָסקווער. גלײַך נאָך אים האָבן די שילער פֿון דער פּעטערבורגער קאָנסערוואַטאָריע אויסגעדריקט אויף אַ געמיינזאַמער אַסיפֿע די האַסקאָמע מיטן „באַשלוס", און זיי האָבן באַשטעטיקט אָט די האַסקאָמע מיט אַ שטרײַק. אין אַ כוידעש אַרום האָט ענגעל אָפּגעדרוקט אין „רוסקיע וועדאָמאָסטי" רימסקי־קאָרסאַקאָווס אָן אָפֿענעם בריוו, וועלכער איז איבערגעגעבן געוואָרן דורכן טעלעפֿאָן. מיט ענגעלס אַקטיוון אָנטייל ווערן געזאַמלט און געדרוקט קאָלעקטיווע און אינדיווידועלע פּראָטעסטן קעגן דעם צאַרישן ווילקיר אין דער קונסט. די פּראָטעסטן שרײַבן אונטער מוזיקער, אַד־

וואָקאַטן, אַרטיסטן, אָנפירער פון טעאַטערס, אינזשעניערן, פּראָפעסאָרן, דאָקטוי־
רים — אַלע, וועמען עס זײַנען טײַער די מענטשלעכע ווירדע און די רוסישע
קונסט. אין אָט דער קאָלאָסאַלער מאַניפעסטאַציע האָט די סטיכיי פון צאָרן
זיך צונויפגעפּאָרט מיטן שאַפונגס־ווילן. אַלעקסאַנדער קריין האָט שפּעטער
געשריבן: „אין שײַכעס מיטן היסטאָרישן אינצידענט אין דער פּעטערבורגער
קאָנסערוואַטאָריע אין 1905 (דאָס באַפרײַען פון דער שטעלע נ. א. רימסקי־קאָר־
סאַקאָוון) האָט זיך יולי ענגעל אײַנגעגעבן צו אָרגאַניזירן אַן ענערגישן פּראָ־
טעסט פון דער מאָסקווער געזעלשאַפטלעכקײַט". אַלס אומדירעקטע, נאָר אויס־
דריקלעכע באַשטעטיקונג פון אָט דער אַקטיווער ראָליע דינט ענגעלס בריוו
צו צעזאַר קיוי פונעם 15 אַפּרעל 1915, אין וועלכן ער האָט אָפן געריפן דעם
וועטעראַן פון דער „מעכטיקער קוטשקע" זיך אַרויסזאָגן אין דער פּרעסע וועגן
דעם ווילקיר פונעם צאַריזם בנוגע די רוסישע מוזיקער.

אַלס א וויכטיקע געשעעניש פון די רעוואָליוציאָנערע יאָרן ווערט גע־
רעכנט דאָס שאַפן אין מאָסקווע, לויט דער איניציאַטיוו פון די אַרבעטער, וועלכע
האָבן אָנטיילגענומען אינעם פאָלקס־כאָר, א פאָלקס־קאָנסערוואַטאָריע. אַן אָר־
גאַניזאַטאָר, לעקטאָר און אַקטיווער פּראָפּאַגאַנדיסט פון אירע אידייען אין דער
פּרעסע איז געווען ענגעל. „גיט דעם פאָלק מוזיקאַלע בילדונג, וועט עס — פאַר־
שטייט זיך, באַם באַדינג, אַז ס'וועלן באַפרידיקט ווערן זײַנע טאָגטעגלעכע גע־
זעלשאַפטלעכע און עקאָנאָמישע באַדערפענישן, — ניט נאָר אַליין זיך קולטורעל
אופהייבן, נאָר אויך מעכטיק אופהייבן די קונסט פון קלאַנגען. די פאָלקס־
קאָנסערוואַטאָריע וויל טאַקע געבן דעם פאָלק אַזא בילדונג", — האָט געשריבן
ענגעל בײַם איר גרינדונג אין 1906. די פאָלקס־קאָנסערוואַטאָריע האָט בײַ ענ־
געלס דירעקטער באַטייליקונג אַרויסגעלאָזט מער פון 2000 מענטשן, וועלכע
האָבן זיך שפּעריש פאַרבונדן מיט דער מוזיק. די דערפאַרונג פון דער פאָלקס־
קאָנסערוואַטאָריע האָט אָפּגעהיט איר באַדײַטונג אויך נאָך דער אָקטיאַבער־
רעוואָליוציע.

אינעם פּעריאָד צווישן ביידע רעוואָליוציעס פירט ענגעל דורך א קאָלאָ־
סאַלע בילדונגס־אַרבעט. ער טרעט סיסטעמאַטיש אַרויס מיט לעקציעס, גיט
אַרויס א קורצן מוזיק־ווערטערבוך, א קעשענע־ווערטערביכל פון מוזיק, לאָזט
אַרויס זאַמלונגען פון זײַנע לעקציעס וועגן דער געשיכטע פון דער מוזיק, פּו־
בליקירט אַרטיקלען וועגן מוזיק־פאָרשטעלונגען, שטעלט צונויף אָנצײַגערס
איבער אָפּערעס, נעמט אָנטייל אין דער אָרגאַניזאַציע פון א מוזיקאַליש־טעאָרע־
טישער ביבליאָטעק. ענגעל טרוימט וועגן א מאַסן־אַרויסלאָז פון הויכקינסטלע־

רישע גראַמאָפאָן־פּלאַטן און וואָלוועלע אויסגאַבעס פון נאָטן, צווישן זיי אַזעלכע, וועלכע זאָלן אָפּשפּיגלען די דערגרייכונגען אין געביט פון יידישער פּראָפעסיאָנעלער און פאָלקס־מוזיק. פאַרשטייט זיך, אַז אין זיין אַרבעט האָט ער ניט געקאָנט אויסרעכענען אויף דער הילף פון דער דעמלטיקער מאַכט. אַדאַנק אייניקע אָנדייטונגען אין די אַרטיקלען פון 1916 קאָן מען מאַכן דעם אויספיר, אַז ער האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דער טיפער באַנייונג פונעם גאַנצן רוסישן פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן.

די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט שאַרף געביטן די אָרגאַניזאַציאָנעלע און שטייגערישע פאָרמען פונעם מוזיק־לעבן, עפענענדיק איינציִיטיק ברייטסטע מעגלעכקייטן פאַר דער קינסטלערישער בילדונג און שאַפונג פון די מאַסן גופא. אין די ערשטע רעוואָליוציע־יאָרן איז ענגעלס לעבן פאַרפולט געוואָרן מיט אַ פילאַרטיקער אַרבעט. ער לייענט לעקציעס אויף די זאַוואָדן און אין די פאַבריקן, פאַרוואַלטעט מיטן מוזיקאַל־אָפּטייל אין פאָלקאָמבילד, טרעט צו צו דער אַרבעט איבערן ערשטן סאָוועטישן מוזיק־לעקסיקאָן. די דאָזיקע יאָרן זיינען אַ נייַ בלעטל אין זיין פאָלקלאָר־ און קאָמפּאָזיטאָר־טעטיקייט.

און דאָ גייען מיר צו צו ענגעלס שאַפונג אין געביט פון דער יידישער מוזיק. ס'איז אַ פאַקט, אַז סיי זיינע זוכונגען אויפן פעלד פון דעם פאָלקלאָר און סיי, אין אַ באַדייטנדיקער מאָס, זיין קאָמפּאָזיטאָרישע שאַפונג זיינען אַמטיפסטן פאַרבונדן דאַפקע מיט דער יידישער קולטור. ס'וועט זיין ניט קיין גוזמא צו זאָגן, אַז ענגעל איז אַ פּיאָנער אין דער אויפלעבונגס־אַרבעט פון דער יידישער נאַציאָנאַלער קולטור אויף דער טעריטאָריע פון רוסלאַנד. אין 1900 האָט ער געגעבן דעם ערשטן אין רוסלאַנד — עס ווערט גערעכנט, אַז אין דער גאַנצער וועלט, — קאָנצערט פון יידישער פאָלקס־מוזיק, וועלכער איז געווען אַ סאַכאַקל פון זיינע פיליאָריקע זוכונגען.

באַם לייענער דאַרף זיך אָבער ניט שאַפן דער איינדרוק, אַז ענגעל איז געווען אַן ענטוזיאַסט — אַ יאָכיד, און זיין אידיי צו שטיצן דעם ווידערגעבורט פונעם יידישן פאָלקלאָר־אויצער איז אויפגעקומען אויף אַ פּוסט אָרט. דער סאָף פונעם XIX און דער אָנהייב פונעם XX יאָרהונדערטער האָבן זיך כאַראַקטעריזירט מיטן וווּקס פון דעם נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַוווּסטזיין פון אַ סאַך פעלקער און פעלקערשאַפטן אין רוסלאַנד. אין אָט דעם פעריאָד באַווייזן זיך פיל נאַציאָנאַלע טאַלאַנטן: נ. וו. ליסענקאָ אין אוקראַינע, א. א. יוריאַן אין לעטלאַנד, א. י. קאַפּ אין עסטלאַנד, ק. מ. גאַלקייסקאַס אין ליטע, א. א. ספּענדיאַראָוו אין אַרמעניע, מ. א. באַלאַנטשיוואַדזע אין גרוזיע. דאָס איז אַ צייט פון אויפבלי

פון דער פֿאָלקלאָר־עטנאָגראַפֿישער אַרבעט אין געביט פון נאַציאָנאַלע קולטורן. אין דער אַנטוויקלונג פון דער מוזיק־עטנאָגראַפֿיע אינעם ביזרעוואָליוציאָנערן פּעריאָד האָבן אַ גרויסן צושטײַער אַרײַנגעטראָגן אַזעלכע געלערנטע־מוזיקער, ווי א. נ. סעראָוו, פּ. פּ. סאָקאָלסקי, ס. פּ. קאָמיטאַס, ד. אי. אַראַקישווילי. צוזאַמען מיט זיי קאָן מען אויך מיט פולן גרונט אָנרופן דעם נאָמען פון יו. ענגעל — דעם זאַמלער און קאָמפּאָזיטאָר פון דער ייִדישער מוזיק.

יו. ענגעל האָט געהאַלטן, אַז „פּעסט איז נאָר דאָס, וואָס שטאַמט פונעם פֿאָלק". אויף זײַנע פֿילצאָליקע לעקציעס פֿלעגט ער אָנרופן אַלס מוסטער פון אויסנוצן דעם פֿאָלקס־קוואַל שאָפּענען, סמעטאַנען, גריגן, גלינקאַן. די ייִדישע פֿאָלקס־מוזיק האָט ניט געקאָנט זײַן קיין אויסנאַם. אָן איר אַלזײַטיקן אַנאַליז און פֿאַנאַנדערארבעטונג איז אוממעגלעך געווען אַנטוויקלען דאָס פּראָפֿעסיאָנעלע שאַפֿן אין דער ייִדישער קולטור. ענגעל האָט נישט געקאָנט ניט זען, אַז דער ברייטער קרײַז פון פּראָפֿעסיאָנעלע מוזיקער האָט צום סאָף פונעם XIX יאָרהונ־דערט קימאַט ווי גאָרנישט ניט געוווּסט וועגן דער ייִדישער שטייגער־מוזיק. און ער נעמט אויף זיך אַ נאָבעלע אויפֿגאַבע צו פֿאַרפֿולן אָט דעם בלויז. פֿאַרכאַפּנדיק מיט זיך דעם פֿאָנאָגראַף אויף וואַקסענע וואַליקעס, לאָזט ער זיך אַוועק אין די ייִדישע שטעטלעך און פֿאַרשרײַבט דאָרט פֿאָלקס־מעלאָדיעס, לידער און טענץ. אַלס רעזולטאַט פון די ערשטע עקספּעדיציעס איז צו שטאַנד געקומען זײַן קאָנצערט־רעפּערטואַר אין דער געזעלשאַפֿט פון ליבהאָבער פון דער נאַטורוויסנ־שאַפֿט.

דער רעפּערטואַר, אין וועלכן עס איז אויסגעדריקט געוואָרן ענגעלס אַני מאַמין, זײַן קרעדאָ בנוגע דער ייִדישער פֿאָלקס־מוזיק, האָט געפֿאָדערט אַ גרויסע געוואַגטקײַט. די זאַך איז אין דעם, וואָס די מערהײַט פֿאַרשטייער פון דער ייִדישער אינטעליגענץ פון יענער צײַט האָט בכלל ניט געוואָלט רעדן וועגן דער ייִדישער שטייגער־מוזיק. זיי האָבן אָנערקענט בלויז די רעליגיעזע מוזיק. נאָר די ברייטע דעמאָקראַטישע אָנשויונגען אויף דער קונסט, וואָס ענגעל האָט דערוואָרבן בעשאַס זײַן לערן אין דער קאָנסערוואַטאָריע בײַ טאַנייעוון און איפּאָליטאָוו־איוואַנאָוון, האָבן אים דערלויבט סאָפֿקאָלסאָף צו דערווײַזן די ריכ־טיקײַט פון זײַן שטאַנדפּונקט אויף דער פֿאָלקס־קונסט. און, אַזויאַרום, האָט די ייִדישע שטייגער־מוזיק אין איר גאַנצער פֿילאַרטיקײַט באַקומען „די אײַנמעל־דונג" אין דער טעטיקײַט פון די געלערנטע — פֿאָלקלאָריסטן און קאָמפּאָזיטאָרן.

דער קאָנצערט פון 1900 איז געווען אַן אָנהייב. ענגעל פֿאַרברייטערט און פֿאַרטיפֿט זײַן אַרבעט אין דער פֿאָלקלאָריסטיק. בעמעשעך פון קימאַט צוויי

יאָרצענדליקער אָרגאַניזירט ער פאָלקלאָר־עקספּעדיציעס קיין דאָרעם־רוסלאַנד, ווו ער פאַרשרײַבט און באַארבעט אַלץ נײַע און נײַע ייִדישע לידער און טענץ. די מוסטערן פונעם פאָלקלאָר, וואָס ער האָט צונויפגעזאַמלט ביזן 1909, האָבן צונויפגעשטעלט דרײַ בענדער אין דער אויסגאַבע פון פּ. אי. יורגענסאָן. די הילע צו דער דאָזיקער אויסגאַבע האָט געמאַכט דער גרויסער מאָלער ל. א. פּאַסטערנאַק.

ענגעל באַגרענעצט זיך ניט מיט זאַמלען לידער. ער שאַפט צו זיי א ווויסנשאַפטלעכן אַפּאַראַט און באַארבעט זיי. און דאָס אַלץ געפינט א ברייטע אָפּשפּיגלונג אין דער מוזיק־פּראַקטיק, אין דער פּראָפּאַגאַנדע פון דער ייִדישער פאָלקס־קולטור.

קעדיי באַקאַנען די ברייטע קרײַזן פון דער ייִדישער מוזיקאַלער געזעל־שאַפטלעכקײַט מיט דער ייִדישער מוזיק, אָרדנט ענגעל אײַן טעמאַטישע פאָר־טראָגן און סעמינאַרן, לייענט לעקציעס אין מאָסקווע, פּעטערבורג, ראָסטאָוו, יעקאַטערינאָסלאַוו און אין אַנדערע שטעט. די ערשטע לעקציע איז פאָרגעקומען אין פּעטערבורג אין 1909. דעמלט האָט די מוזיקאַלע געזעלשאַפטלעכקײַט פון פּעטערבורג צום ערשטן מאָל געהערט ייִדישע פאָלקסלידער אין ענגעלס באַ־אַרבעטונג. דער לעצטער מאַסן־קאָנצערט איז געגעבן געוואָרן אין מאָסקווע, אינעם גרויסן זאַל פון דער קאָנסערוואַטאָריע אין 1922. אויפן קאָנצערט זײַנען בײַגעווען סטאַניסלאַווסקי און שאַליאַפּין.

ענגעלס אַרטיקלען, נאָטיצן און פּעליטאָגנען וועגן דער ייִדישער מוזיק באַווײַזן זיך אָפט אין „יעווריייסקאיא ניעדעליא", אין דער וואָכנשריפט „נאָווי וואָסכאָד", אינעם זשורנאַל „ראַסוועט", אין „עטנאָגראַפּיטשעסקאָיע אָבאָזרעניִע" (אין דער לעצטער אויסגאַבע פלעגט מען דרוקן אויך מוסטער־באַאַרבעטונגען פון ייִדישע לידער). אין יאָר 1913 האָט די מוזיק־עטנאָגראַפישע קאָמיסיע פון דער עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט אַרויסגעלאָזט א ספּעציעלן באַנד באַאַרבעטונ־גען פון לידער פון פאַרשיידענע פעלקערשאַפטן, וועלכע ס'האָבן געמאַכט די באַ־דײַטנדיקע רוסישע קאָמפּאָזיטאָרן גליער, גרעטשאַנינאָוו, קאַסטאַלסקי, איפּאָלי־טאָוו־איוואַנאָוו, טאַנייעוו. פאַראַן דאָרט אויך ענגעלס דרײַ באַאַרבעטונגען, צוויי פון וועלכע עס זײַנען ייִדישע (ביידע זײַנען שפּעטער אַרײַן אין דער זאַמלונג ייִדישע פאָלקסלידער, וואָס ענגעל האָט אַרויסגעגעבן). איינע איז א שפּאַס־ליד „ווי זינגט דאָס כאָסידל, דער ציגײַנער, דער איוואַנקע", וועלכע איז פול מיט ייִדישן ווייכן הומאָר".

די צווייטע ליד איז א ברייטע, א לירישע — „זייט געזונטערהייט, מײַנע ליבע עלטערן", — א שטימונגס־ליד וועגן דעם שווערן גורל, וועגן דער צעשיידונג מיט די נאָענטע.

וועגן ענגעלס באארבעטונגען פון פאָלקסלידער דארף מען זאָגן באזונדער. וואָס איז זייער זין? מיר ווייסן דאָך, אז יידישע לידער זײַנען אין זייער מערהײַט אויסגערעכנט אף איין שטים און ווערן געזונגען אין דער באגלייטונג פון איינעם צי צוויי אינסטרומענטן אָדער ביכלאַל אָן א באגלייטונג (אַן אויסנאַם שטעלט מיט זיך פאָר בלויז די אינסטרומענטאלע מוזיק פון „פריילעכס", וועלכע שליסט אײַן געזאנג אין דער באגלייטונג פון א קליינעם אָרקעסטער). איבעריקנס, אויך די רוסישע פאָלקסליד, האגאַם זי איז אָפטער א פילשטימיקע, פאָדערט ניט, אזוי ווי די יידישע, אין פרינציפּ קיין צוגאָבלעכע באארבעטונג. נאָר מע דארף האָבן אין זינען די עפּאָכע, אין וועלכער ס'האָט געארבעט ענגעל. ער איז געווען, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, טאנייעווס א שילער, און טאנייעוו האָט זיך געשטעלט פאר א ציל „ארײַנעמען" די פאָלקסליד אין סטיליסטישע באדינגונגען פון דער קלאסישער מײַרעוו־אייראָפּעיִשער מוזיק. אזוי האָבן אויך געטראכט א סאך פון די מוזיקער, וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אינעם עטנאָגראַפישן איבערזיכט. ענגעל פלעגט האָבן אן ענלעכן צוגאנג צו דער יידישער ליד, וואָס עס האָט באטײַט ארײַנלייגן אין די אייראָפּעיִשע פאָרמען א מאקסימום פונעם טיפּיש נאציאָנאלן יידישן מעלאָדישן און ריטמישן עלעמענט. דער פרינציפּ פון זײַנע באארבעטונגען איז געווען אזא:

1. ניט אָנטאָן קיין שאָדן מיט צופיל קינסטלעריש־קאָמפּאָזיציאָנעלע עלעמענטן דער מעלאָדיע גופא;

2. מאכן די לידער באקוועם און צוגענגלעך פאר דער אויספילונג. די באארבעטונגען זײַנען, ניט געקוקט אף דעם דינעם קאָנטראפּונקטישן און פיגוראציע־געוועב פון דער באגלייטונג, שטענדיק קאָרעקט, און זיי בײַטן ניט די פאָלקס־מעלאָדיע.

כאראקטעריסטיש אין אָט דער הינזיכט זײַנען אזעלכע לידער, ווי „זאָל איך זײַן א ראָוו", „אך, ניט גוט" אא. די באגלייטונג פונעם קלאוויר איז שטענדיק געמאכט באקוועם און פאָדערט ניט קיין באזונדערע טעכניק פונעם אויספילער. די וואָקאלע פּיעסעס זײַנען געשריבן אין א באקוועמער טיסעטורע. דער דאָזיקער אומשטאנד האָט געדינט דער פּאָפּולערקײַט פון די לידער. א גוטן שעם האָבן באקומען אין ענגעלס באארבעטונג די לידער „בלײַב געזונט", „ווייווער זינגט", „די שיינע ראָכעלע", „אז איך וואָלט געהאַט", „שפּאצירן זײַנען

מירביידע געגאַנגען". פאַרן קלאַוויר און פידל האָט ענגעל באַאַרבעט די ליד „ער האָט מיר צוגעזאָגט", און פאַר פּיאַנאָ־סאָלאָ — „כסידיש", „באַסענע־ניגן", „סקאָטשנע". ענגעלס באַאַרבעטונגען פלעגט מען פּריוואַדיש אַרויסגעבן אין א בוך־פאָרם. די ערשטע זאַמלונג, וואָס האָט אַנטהאַלטן צען לידער, איז אַרויס פון דרוק אין 1909, די לעצטע — אין 1930, שוין נאָך זיין טויט (ער איז געשטאָרבן אין 1927).

ענגעל איז ניט נאָר דער אויטאָר פון באַאַרבעטונגען. ער האָט אָנגעשריבן א סאַך מוזיקאַלע ווערק אויף יידישע טעמעס און ראָמאַנסן אויף די ווערטער פון שעלי, פּושקין, בריוסאָוו, באַלמאָנט, א. טאָלסטאָי (אויסגעפירט די ראָמאַנסן האָבן די סאַמע באַוווסטע זינגער — ניעזשדאַנאָווא, קאָשיץ, קאָטאָרסקאַיא, ריזען). שטייענדיק נאָענט צו די רעוואָלוציאָנערע קרייזן, האָט ער געמאַכט אָרקעסט־ראַווקעס פון רעוואָלוציאָנערע לידער, דערין אויך פונעם „אינטערנאַציאָנאַל", פון דער „וואַרשאַוויאַנקע" און אַנד.

וואָס איז שייך ענגעלס יידישע ווערק, איז דאָס וויטכיקסטע פון זיי — זיין מוזיק צו דער פּיעסע „האַדיבוק", וועלכע ס'האָט געשטעלט יעוגעני וואַכ־טאַנגאָוו אין טעאַטער „האַבימאַ" מיטן אָנטייל פונעם קינסטלער נאַטאַן אַלטמאַן. ווי מע דערציילט, האָט די מוזיק געמאַכט א שטאַרקן איינדרוק אויף סטאַניסלאַוו־סקין, וועלכער איז בייגעווען אויף דער פּרעמיערע. ענגעלס טאָכטער, אַדאַ ענ־געל־אַגינסקאַיא, דערמאָנט זיך: „די מוזיק האָט זיך אָנגעהויבן ביזן עפענען דעם פאָרהאַנג. דאָס איז געווען דער ווייטיק פון א פאַרצווייפלטער נעשאָמע, גלייך ווי אַליין, וואָס האָט געוויינט אין מעשעך פון יאָרהונדערטער, האָט זיך אויסגעגאָסן אין דער טראַגישער מעלאָדיע פון די פידלען. איך האָב געזען, ווי א סאַך האָבן געוויינט..." די פאַרשטעלונג איז שפּעטער מיט דערפאָלג געגאַנ־גען אויף די בינעס פון פיל לענדער, דערין אין פּאַריזש און בערלין; מיט דער־פאָלג איז זי אופגעפירט געוואָרן אין די סאָוועטישע טעאַטערס.

אין ענגעלס היפּשער מוזיקאַלער ירושע געפינט זיך א גרויסע צאָל אינסטרומענטאַלע ווערק, אָנגעשריבענע אין נוסעך פון „פרײלעכס", אין די טראַ־דיציעס פון די קלעזמאָרים. אַזעלכע זיינען, אַשטייגער, „דער טאַנץ פאַר א פידל און קלאַוויר" (1919) און די „יידישע באַלעטן־טענץ", וועלכע זיינען אַרויסגע־געבן געוואָרן נאָך זיין טויט אין 1930 מיצאַד דעם מוזיק־סעקטאָר פונעם מע־לוכע־פאַרלאַג. אין אַט די ווערק האָט ער אויסגענוצט די טיפּישע אינטאָנאַציעס, וועלכע ער האָט אונטערגעהערט באַם פאָלק אין מעשעך פון זיינע פילמאָליקע פאָלקלאָר־רייזעס.

דאָס וויכטיקסטע אָרט פאַרנעמען וואָקאַלע ווערק — לידער, אַנסאַמבלען, דועטן (צווישן זיי — די פּאָפּולערע „דין־דאָן" און „עטעלע און מאָטעלע"). די לידער באַזירן זיך מערסטנטייל אויף דער וועלטלעכער, שטייגערישער ייִדישער פֿאָלקס־מוזיק. און אויב עס באַווײַזן זיך טפֿילה־אינטאָנאַציעס, דינען זיי דער אויפֿגאַבע פֿון קינסטלעריש דורכלייענען דעם טעקסט. אַזאַ איז, צום בײַשפּיל, „דער קאַדיש פֿונעם רעבע לוי־יִצחק בערדיטשעווער".

איינע פֿון די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פֿון ענגעלס שאַפֿונג איז די שעפֿע קינדער־לידער (העכער פֿופֿציק). אויך אין אָט דעם זשאַנער איז ער געווען אַ פּיאָנער, ווײַל ביז אים האָט קיינער קיין ייִדישע זינגלידער פֿאַר קינדער ניט געשריבן. די לידער פֿלעגן זיך באַווײַזן סײַ אין זאַמלונגען, סײַ אין איינצלנע פּובליקאַציעס און האָבן אַרײַנגעבראַכט אַ פֿאַרשיידענעם טעמאַטישן מאַטע־ריאַל — ריטועלע ניגנדלעך, שפּילערײַען, טענץ, וויגלידער, שפּאַס־לידער אאַז״וו. זייער סימפּאַטישע זײַנען די לידער אויף די ווערטער פֿון סאַשע טשאָרני. זיי זײַנען קורץ, אינהאַלטסרײַך און פֿול מיט הומאָר. אַזאַ איז, למשל, די שפּאַס־ליד „אַ קאַץ און אַ מײַזל".

ענגעל איז געווען דער ערשטער, ווער עס האָט אָנגעשריבן אַ ליד אויפֿן טעקסט „מיכאַלקע" (אין אונדזערע טעג האָבן מיר געהאַט די מעגלעכקײַט זיך צו באַקענען מיט דער ליד פֿון וולאַדימיר טערלעצקי אויף דעם דאָזיקן טעקסט, זע „סאָוועטיש היימלאַנד", 1985, נומ. 7).

ענגעלס ענטוזיאַסטישע טעטיקײַט אין געביט פֿון פּראָפּאַגאַנדירן די ייִדי־שע מוזיק, זײַנע פֿאָלקלאָר־זוכונגען און די קאָמפּאָזיטאָרישע טעטיקײַט האָבן אַרויסגערופֿן אַ סטאַבילן אינטערעס צו דער ייִדישער מוזיק אין רוסלאַנד. אַדאַנק ענגעלס טעטיקײַט איז אין רוסלאַנד אַנטשטאַנען די געזעלשאַפֿט פֿון ייִדישער פֿאָלקס־מוזיק, וועלכע האָט ווײַטער אַנטוויקלט זײַן אַרבעט. דערציילן וועגן אָט דער געזעלשאַפֿט גייט אַרויס מיכוץ אונדזער אַרטיקל, אָבער מע קאָן נישט ניט זאָגן וועגן דעם, אַז זי האָט אויסגעטיילט פֿון איר סוויווע אַזעלכע אָנגעזעענע קאָמפּאָזיטאָרן, ווי מ. גנעסין, אַל. קריין, מ. שאַליט, פּ. לוואָוו — קאָמפּאָזיטאָרן, וואָס האָבן געשאַפֿן די שול פֿון ייִדישער מוזיק אין רוסלאַנד. ווער ווייסט, צי עס וואָלטן זיך באַוויזן די איצט שוין ברייט באַקאַנטע ווערק אויף דער ייִדישער טעמע פֿון פּראָקאָפֿיעוון, שאָסטאַקאָוויטשן און פֿון אַנדערע גרויסע רוסישע קאָמ־פּאָזיטאָרן פֿון דער שפּעטערדיקער תּקופֿה, ווען ס'זאָל נישט זײַן ניט די שול פֿון ייִדישער מוזיק, ניט די שאַפֿונג פֿון איר באַגײַסטערער — יו. ענגעל.

וועגן דרײַ רעוואָליוציאָנערע לידער, וועלכע ס'האָט פאַרשריבן אירמע יאונזועם

די באַרימטע סאָוועטישע זינגערן אירמע יאונזועם (1897—1975), א סאָליסטקע פון דער מאָסקווער פילהאַרמאָניע, האָט באַגלייך מיט דער אויספילערישער טעטיקייט זיך פאַרנומען מיט פאַרשרײַבן און שטודירן דעם מוזיקאַלישן פאָלקלאָר פון פאַרשיידענע פעלקער. זי איז געווען א טיפע קענערן און אומדערמידלעכער פּראָפּאַגאַנדיסט פון דער פאָלקסליד. די ערשטע צווישן די פּראָפעסיאָנעלע זינגער אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָט זי אויסגעפילט לידער פון די פעלקער פון דער וועלט אויף זייערע נאַציאָנאַלע שפּראַכן. גענוג צו זאָגן, אַז אין איר רעפּערטואַר זײַנען געווען העכער 300 לידער אויף 60 לשונות.

אַן אומשאַצבאַרן צושטײַער האָט אירמע יאונזועם אַרײַנגעטראָגן אין דער אַנטוויקלונג פון דער סאָוועטישער פאָלקלאָריסטיק אין די 20־ער — 30־ער יאָרן. אין אָט דער צײַט פאָרט זי אַרום איבער פאַרשיידענע געגנטן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, פאַרשרײַבט טאָטערישע, באַשקירישע, אויראַטישע, יאַקוטישע, יידישע לידער.

אויסער אַלטע טעקסטן מיט מעלאָדיעס פון היסטאָרישער באַדײַטונג, וועלכע שפּיגלען אָפּ מערסטנס דעם שטייגער און די נאַטור, זײַנען ניט ווייניק געווידמעט דער געזאַנג־שאַפונג פון די פעלקער פון פּסער אינעם פּעריאָד פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע און פון דעם בירגערקריג. אויפן יעסאָד פון די דאָזיקע פאַרשריבענע לידער האָט אירמע יאונזועם צוגעגרייט אין 1931־טן יאָר א זאמלונג „רעוואָליוציאָנערע פאָלקסלידער", אַדאַנק וועלכער מיר קאָנען זיך באַקאַנען מיט אוניקאַלע מוסטערן פון דער נאַציאָנאַלער רעוואָליוציאָנערער, דערונטער יידישער רעוואָליוציאָנערער ליד. לויט דער פּראַקטיק פון איר אייגענער אויספילונג האָט די זינגערן געגעבן א מעגלעכקייט די אויטאָרן פון די באַאַרבעטונגען אופצוכאַפּן די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון די לידער, זייערע אייגנאַרטיקע אינטאָנאַציעס און פאָנעטישע ספּעציפישקייטן פון דער שפּראַך.

אין דער אויבנדערמאָנטער זאמלונג זײַנען פאַראַן דרײַ יידישע לידער. איינע פון זיי — „אויף די באַריקאַדעס" — איז געשאַפן געוואָרן אינעם פאָלק בייס

דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע פון 1905, און שפּעטער האָט זי באקומען א ברייטע פארשפּרייטונג צווישן די ארבעטער־ייִדן אין דער טקופע פונעם גרויסן אָקטיאבער.

די ייִדישע רעוואָליוציאָנערע ליד איז לאכלוטן ניט קיין זעלטנהייט, און מע דארף זי באטראכטן אין דער אלגעמיינער פארבינדונג מיט דער אנטוויקלונג פון דער רעוואָליוציאָנערער ליד אלס אזעלכער אין די באדינגונגען פון רוסלאנד אין אָנהייב פונעם 20־טן יאָרהונדערט. שוין אינעם סאָף פון פאָריקן יאָרהונדערט האָט די רוסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראטישע ארבעטער־פּארטיי אָפּגעשאצט די ליד ווי א מעכטיק מיטל פון רעוואָליוציאָנערער פּראָפּאגאנדע. לידער פלעגט מען זינגען אף די מיטינגען און דעמאָנסטראציעס, אף ארבעטער־פארזאמלונגען, רופנדיק צום אנטשיידענעם קאמף קעגן דעם צארישן רעזשים. א קאָלאָסאלע באדייטונג האָט צוגעגעבן לענין דער רעוואָליוציאָנערער ליד אלס געווער אינעם קאמף פון דעם פּראָלעטאריאט. אין זיין ארטיקל „די אנטוויקלונג פון די ארבעטער־כאָרן אין דייטשלאנד" (1913) האָט וו. אי. לענין געשריבן: „קיין שום פּאָליציייִשע צוטשעפּענישן קאָנען ניט שטערן, אז אין אלע גרויסע שטעט פון דער וועלט, אין אלע פאבריק־יישוווים זאָל קלינגען א מונטערע פּראָלעטארישע ליד וועגן דער נאָענטער באפרייונג פון דער מענטשהייט פון אָנגעדונגענער פארשקלאפונג".

ערעוו דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע פון 1917 האָט לענינס מיטקעמפער ג. קרזשיזשאנאָווסקי אנטוויקלט לענינס געדאנק: „אונדזערע רעוואָליוציאָנערע לידער זיינען פארבונדן מיט די אלגעמיינע צילן און אופגאבן פון דער רעוואָליוציאָנערער סאָציאַל־דעמאָקראטיע, מיט דער קאוואָנע אריינצוטראָגן אין די רייען פונעם פּראָלעטאריאט מיט דער הילף פון א קעמפערישער ליד די אידיי פון קאמף. די דאָזיקע לידער זיינען פארבונדן מיט אונדזער אָריענטאציע אף מאסן־אגיטאציע... זיי קלינגען אף ארבעטער־מאסאָווקעס, אף דעמאָנסטראציעס, אויסדריקנדיק די געפילן און שטימונגען פונעם רעוואָליוציאָנערן פּראָלעטאריאט, רופנדיק צום קאמף מיט די אונטערדריקער, צו אראָפּווארפן די זעלבסטהערשונג". די רעוואָליוציאָנערע ליד אין רוסלאנד האָט שוין פונעם סאמע אָנהייב געטראָגן אן אינטערנאציאָנאלן כאראקטער. אזעלכע לידער, ווי „דרייסטער, כאַווײרים" («Смело, товарищи, в ногу»), „ווארשאוויאנקע", „מארסעליעזע", „די רויטע פאָן", האָבן געזונגען אף זייער מוטער־שפּראך רוסן און פּאָליאקן, ייִדן און לעטן, עסטן און אוקראינער. דאָס הארעפּאשנע פאָלק פון

פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן האָט געהאַט אַ געמיינזאַמען ציל. און אָט דער ציל האָט באַשטימט די געמיינזאַמע טעמאַטיק פון די לידער.

אָנהייבנדיק פון 1902, לאָזט סיסטעמאַטיש אַרויס די רעוואָלוציאָנערע צייטונג „איסקראַ", שפּעטער די „פּראַוודאַ", ווי אויך אַנדערע אויסגאַבעס, זאַמלונגען אונטערן נאָמען „לידער פון דער רעוואָלוציע", „לידער פון קאַמף", „לידער פון אַרבעט און קאַמף" אאַז״וו. און ס׳איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס די דאָזיקע זאַמלונגען שליסן איין אין זיך, אַלס קלאַל, לידער פון פאַרשיידענע פעלקער. ניט זעלטן באַגלייט די מעלאָדיעס פון די לידער אַ טעקסט, אָפּגעדרוקט אויף פאַרשיידענע שפּראַכן, דערונטער אויף ייִדיש. אַזאַ, לעמאָשל, איז דער זאַמלבוך „לידער פון קאַמף און פרייהייט", וועלכער איז דערשינען אין 1917 אין מאָסקווע אויף דער רוסישער, פּוילישער און ייִדישער שפּראַכן. מיר ברענגען דעם טעקסט פון דער ייִדישער רעוואָלוציאָנערער ליד „מיין צוואָע", וואָס איז אַריין אינעם זאַמלבוך:

אָ, גוטער פריינט! ווען איך וועל שטאַרבן,
טראָגט צו מיין קבֿר אונדזער פאָן —
די פרייע פאָן מיט רויטע פאַרבן,
באַשפּריצט מיט בלוט פון אַרבעטס־מאַן!

אין אַן אַנדער ליד גייט אויך דורך דער לייטמאָטיוו פון דער רויטער פאָן:

ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט,
אַלע, וואָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט, —
צוזאַמען, צוזאַמען! די פאָן, זי איז גרייט,
זי פלאַטערט פון צאָרן, פון בלוט איז זי רויט!

און די ליד, וועלכע ס׳האָט פאַרשריבן אירמע יאָנזעם, איז אויך וועגן דער פאָן פון די רעוואָלוציאָנערע באַריקאַדעס. זי שטייט אין איין ריי מיט די רעוואָלוציאָנערע לידער פון רוסלאַנד:

אָ, ליבער, מיר האָבן געשלאָסן
אויף לעבן און טויט אַ פאַרבאַנד,
מיר שטייען אין שלאַכט ווי גענאָסן,
די פאָנען די רויטע אין האַנט.

עס טרעפט מיך א קויל, מײַן געטרײַער,
א קויל פון דעם סוינע דעם הונט,
דאַן כ'שלעפּ דיך אַרויס פונעם פײַער
און הייל דיר מיט קושן דײַן ווונד.

א צווייטע ליד — „די ייִדישע ליד פון מאָביליזירטע" האָט אירמע יאונזעם פאַרשריבן אין קיִעוו.

די לידער פון מאָביליזאַציע אָדער, ווי מע האָט זיי גערופן ביז דער אָק־טיאַבער־רעוואָליוציע, רעקרוט־לידער, פאַרנעמען א היפּש אָרט אינעם ייִדישן מוזיקאַלישן פאָלקלאָר. פיל פון זיי זײַנען באַוווּסט געוואָרן אדאַנק די פאַר־שונגס־אַרבעטן פונעם באַוווּסטן סאָוועטישן פאָלקלאָריסט מוישע בערעגאָווסקי. דאָסראָוו פון די דאָזיקע לידער געהערן צום ביזרעוואָליוציאָנערן פעריאָד, און אין זיי איז אָפּגעשפּיגלט דער אויסזיכטלאָזער גורל פונעם זעלנער אין דער צאַרישער אַרמיי:

דאָס פערצנטע יאָר איז אָנגעקומען, אוי, אוי, אוי,
דאָס פערצנטע יאָר איז אָנגעקומען,
און זאַפּאַס האָט מען מיך גענומען, אוי, אוי, אוי,
און זאַפּאַס האָט מען מיך גענומען, אוי, אוי, אוי... —

אַזוי זינגט זיך אין איינער פון די רעקרוט־לידער אין די צײַטן פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע.

גאָר אַן אַנדערע איז די ליד, וועלכע ס'האָט פאַרשריבן אירמע יאונזעם, דאָס איז א סאָלדאַטישער שפּאַס־מאָטיוו, א ליד פון מענטשן, וועלכע גייען מיט א לײַכט האַרץ אַוועק אַפן פראָנט, קעדיי קעמפן פאַר דער גערעכטער זאַך פון זייער פאָלק. די ליד ווערט געזונגען אינעם זשאַנער פון א „פריילעכס", מיט כאַראַקטעריסטישע פאַר דער ייִדישער ליד אינטאָנאַציע־שטריכן און אַקצענטן:

באַ לײַטן, באַ לײַטן, זײַנען מיר געגאַנגען
ייִנגע פּריזיוואָניקעס אין אַרמיי, אין אַרמיי!
ווי א רויטער עפּל איז די זון געהאַנגען
און געשפּריצט מיט פונקען האָט דער שניי, האָט דער שניי!
געגאַנגען, געכאַזערט מירעלעס געזאַנגען,
זינגענדיק און ליכטיק דאָס געמיט, דאָס געמיט,
פריילעך האָבן וויִטן ווידערהאָלט די קלאַנגען
און צום טאַקט געסקריפּעט האָבן טריט, האָבן טריט.

געזונגען האָט מירל, און די אויגן ווייניען,
ווי א שנירל פערל אירע ציין, אירע ציין,
מעג דער זיוועג מײַנער כאָטש אף ביידע פיס הינקען,
נאָר אבי א מיטגליד פון פאריין, פון פאריין.

די לעצטע פון די דרײַ יידישע לידער, וועלכע אירמע יאונזעם האָט פאר־שריבן, איז „די ליד פון דעם נײַעם יידישן דאָרף", וואָס געהערט אויך צו דער צאָל אנטשטאנענע נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע נײַע סאָלדאטישע לידער. א פולע מיט פארשײַטקײַט און מיט וויצן, רופט זי זיך איבער מיט א סאך אנא־לאָגישע רוסישע און אוקראינישע לידער פונעם בירגערקריג:

צו ביקאָלקעס מיט געוויין,
קלאָלעס אינעם רענצל,
אין דער רויטינקער ארמיי
גייט מען מיט א טענצל.
סאָנים שרעקט זי, ווײ צו זיי!
זאָל זיי שרעק פארוועבן,
נאָר פאר אונדז איז די ארמיי
א ראבפאק פון לעבן.
פאר א נאשבראט אין פארבאנד
אָפן אלע טירן,
מוכעס דארף אציגד דאָס לאנד,
קעמפער מיט געהירן.
סוינע טאָטשעט אונדזער האס,
וויל מיט בלײַ אונדז שפײַזן.
זוו דער שווארצער פעפער וואקסט,
דארף מען אים באווײַזן!
גיב זשע, מאמע, גיב א האנט,
העלף אונדז זינגען לידער,
בלײַבט יעכילעק ספעקוליאנט, —
בין איך אים קיין ברודער.
גיי און זינג! איינס און צוויי!
אין דער האנט דאָס רענצל!
אין דער רויטינקער ארמיי
גייט מען מיט א טענצל!

...סאכאקל דרײַ לידער. א קלײנינקער שטריך צו דער געשיכטע פון דער יידישער רעוואָליוציאָנערער קולטור...

●

מוזיק אין מיכאָעלסעס לעבן

אין לעבן פון א גרויסן קינסטלער, אויב אפילע ער איז ניט קיין קאָמפּאָזיטאָר אָדער מוזיקאנט, פארנעמט די מוזיק א באזונדער אָרט.

געוויינלעך טרעפט עס דערפאר, וואָס יעדע עכטע קונסט — ס'מעג זיין טעאטער, מאָלעריי, פּאָעזיע — אנטהאלט אין זיך א קאָלאָסאלן דיאפּאזאָן אויסדרוקפולע מיטלען, קעדיי אסאָציירן פארשיידענע לעבנס־דערשיינונגען אין בילדערישע געשטאלטן.

אָבער דער גרעסטער מאכטהאָבער אין דעם געביט איז אומבאשטרייטבאר די מוזיק. ווי העגריך הײנע זאָגט: „דאָס וואָרט איז אונטערטעניק, ווען די מוזיק הערשט".

געוויינלעך באגייט זיך דאָס וואָרט אָן מוזיק, נאָר טעאטער אָן מוזיק איז ניט צו באגרייפן.

ווייזט אויס, אז טעאטער איז אנטשטאנען אלס א סינטעטישע קונסט, וועלכע פארסאכאקלט די אויסדרוקפולע מעגלעכקייטן פונעם וואָרט, פון סצעניש באוועגונג, פון דעקאָראטיווער אויספורעמונג, פון מוזיק, ווייל נאָר אדאנק דעם סינטעז איז טעאטער אימשטאנד אויסצודריקן זיין טאמצים.

די מוזיק אין טעאטער איז באפולמעכטיקט איבערצוגעבן דעם צושטאנד פון די העלדן, זייער שטימונג, אופוירקן אפן צושויער, אף זיין אופנעמען די אָדער יענע געשעעניש, וואָס קומט פאָר אף דער בינע.

מוזיק פארמאָגט א באזונדערע אייגנארטיקייט: קיין שום קאָמפּאָנענט פונעם ספּעקטאקל האָט ניט אזעלכע מעגלעכקייטן, ווי מוזיק, צו איבערגעבן דעם נאציאָנאלן קאָלאָריט, דעם נאציאָנאלן כאראקטער, וועלכע זיינען אומבאדינגט אייגנטימלעך אן עכטן קונסט־ווערק.

דעם יידישן טעאטער אָן מוזיק איז באזונדערס שווער צו באגרייפן, ווי אומעגלעך ס'איז אָן דער פאָלקס־מוזיק אריינדרינגען אין דער נעשאָמע פונעם יידישן פאָלק.

אָפט טרעפט, אז א יידישע פאָלקסליד איז בעקויעך איבערגעבן די נאציאָנאלע אייגנארטיקייט מער, ווי אנדערע גרויסע ווערק אף יידישער טעמאטיק, נאָר אָן דער יידישער ליד.

שלוימע מיכאָעלס איז געווען, אויב מע קאָן זיך אזוי אויסדריקן, א מוזיקאלער רעזשיסער. אין זײַנע ספעקטאקלען, איבערהויפּט אין אזעלכע, ווי „טעוויע דער מילכיקער", „בלאָנדזנדע שטערן", „קיניג ליר", „פרייליכס", האָט די מוזיק פארנומען אן אומגעהייער וויכטיק אָרט.

ס'ווילט זיך דערציילן, וואָס פאר א מערקווירדיק אָרט האָט די מוזיק פארנומען אין זײַן טאָגטעגלעכן שטייגער, ווען איר ווירקונג אפן באַוווסטזײַן פון מיכאָעלסן אלס קינסטלער.

מיכאָעלס שטאמט פון א מישפּאָכע, ווו מ'האָט ניט פּאָשעט ליב געהאט זינגען, — געזאנג איז געווען אן אָרגאנישער אומאָפּנעמלעכער טייל פונעם טאָגטעגלעכן לעבן. דער טאטע האָט געדאוונט, זינגענדיק. יעדער מינהעג, יעדע צערעמאָניע האָבן געהאט א מעלאָדישן אויסדרוק. טעג טרויערפולע און טעג יאָמטעווודיקע, פאמיליען־סימכעס און נאציאָנאלער ריטואל האָבן טאָמיד געהאט אלס באגלייטער אן אייגנארטיק געזאנג.

אזויארום, איז די נעשאָמע, די גאנצע אָרגאניק פון דעם צוקינפטיקן גרינדער פונעם גאָסעט אויסגעוועבט געוואָרן פון מוזיק. מיכאָעלס פלעגט אזוי זינגען, אז ניט נאָר ער אליין, נאָר אויך דער, וואָס האָט אים געהערט און געזען, איז ארײַנגעפאלן אין א צושטאנד פון ניט־דאַיקער פארקישעפדיקײַט.

מיכאָעלס האָט געקאָנט א סאך ריידן וועגן א ליד, וועגן א ניגן, וואָס איז אים צום הארצן. אין אזא פאל פלעגן זײַנע רייד זײַן אזעלכע, גלײַך זיי זײַנען ארויסגערופן געוואָרן פון הארצשמערצלעכע ווייען. די יידישע פאָלקסליד, דער כאזאָנישער ניגן האָבן געמאכט אף אים דעם שטארקסטן אײַנדרוק.

מע דארף, פארשטייט זיך, ניט מיינען, אז סאָלאָמאָן מיכײַלאָוויטש איז געווען א „מוזיקאלער נאציאָנאליסט". ווי אן עכטער קולטורעלער מענטש און גרויסער קינסטלער, פלעגט ער הויך שעצן קלאסישע מוזיק, לידער פון אנדערע פעלקער. ס'איז באוווסט אזא מין פאל. איינמאל האָט דער באוווסטער רוסישער ארטיסט מ. מ. טארכאנאָוו אײַנגעאָרדנט בא זיך אינדערהיים א פײַערונג, געווידמעט דעם יובילײ פונעם גאָסעט. ס'זײַנען אײַנגעלאדן געוואָרן יידישע און ניט־יידישע מאָסקווער ארטיסטן. באגריסנדיק די געסט, איז דער באלעבאָס אופגעשטאנען פון אָרט און געזאָגט:

— עס האָט אזוי פּאסירט, אז איבער מײַן קרענק האָב איך ניט געקענט, סאָלאָמאָן, דיך גראטולירן ווי ס'געהער צו זײַן און צו דער צײַט. אָט דערפאר האָב איך אײַנגעלאדן דיך מיט דײַן פרוי אנאסטאסיען און זוסקינען מיט זײַן פרוי און אײַך אלעמען, איר זאָלט צוטיילן מיר דעם קאָוועד און קומען צו מיר

אהיים. איר דארפט וויסן, אז בא דעם טיש וועט איר האָבן די מעגלעכקייט צו געניסן פון פארשיידענע מײַכאָלים (ער האָט איבערגערעכנט א גאנצע ריי), אויך טיי מיט א פאסכע־קוילעטש...

איידער מע האָט געבראכט די טיי מיטן פאסכע־קוילעטש, האָט טארכאנאָוו געבעטן די געסט ארײַנגיין אין א זײַטיקן צימער, ווו ס׳איז געווען צוגעגרייט א סיורפּריז: אונטער דער באגלייטונג פון אן אקאָרדעאָן האָט א כאָר־קרײַזל געזונגען רוסישע לידער. געזונגען בעפּיירעש מיט גרויס באגײַסטערונג. דאן האָט מיכאָעלס זיך גלײַך אײַנגעשלאָסן אינעם קאָנצערט מיט אזא היסלײַוועס, ווי ער זאָל זײַן א שטענדיקער אָנטיילנעמער פון אזעלכע ארויסטרעטונגען.

ס׳זײַנען בא אים אויך געווען באליבטע אוקראַינישע לידער. בא יעדער מעגלעכקײַט פלעגט ער בעטן, מע זאָל זינגען «Карие очи». אָדער «Сонце низенько»...

זײַן פּערזענלעכער „רעפּערטואר" פלעגט באשטיין, אכוץ פון ייִדישע, רו־סישע, אוקראַינישע לידער, אויך פון ווײַסרוסישע און פּוילישע. ס׳איז אומעג־לעך צו איבערגעבן, מיט וואָס פאר א באהארצטקײַט מיכאָעלס פלעגט זינגען רוסישע ראָמאנסן.

צווישן זײַנע נאָענטע פרײַנט איז געווען דער באוווסטער ארטיסט מ. קליי־מאָוו, וועלכער האָט וווּנדערבאר געזונגען. סאָלאָמאָן מיכײַלאָוויטש פלעגט אים אָפט בעטן אויסזינגען עטלעכע ראָמאנסן. ער האָט געהערט, אײַנזאפּנדיק אין זיך יעדן קלאַנג, יעדעס וואָרט. ניט מיט ווייניקער פארגעניגן פלעגט ער הערן ראָמאנסן אין דער אויספירונג פון ס. אָבראזצאָוו, ז. קיטאיעוו, ס. כמאראן. אָבער קיינער האָט אים ניט פארשאפט אזויפיל טײַנעג, ווי די גרויסע רוסישע זינגער, זײַנע פרײַנט וואלעריאַ בארסאָווא, איוואן קאָזלאָווסקי און נאדיעזשדא אָבוכאָווא. ווי שײַנענדיק און גליקלעך ער פלעגט אויסזען, הערנדיק זיי...

מיכאָעלסעס פרוי, א. פּאָטאָצקאיא־מיכאָעלס, דערציילט, אז סאָלאָמאָן מי־כײַלאָוויטש האָט ליב געהאט קאָזלאָווסקין אזוי, ווי עס קאָנען ליב האָבן זייער געטרײַע און אײַנציִיטיק שטרענגע פרײַנט. ער פלעג ניט מויכל זײַן דעם גרויסן זינגער קיין מינדסטע נאכלעסיקײַט, דערבײַ בא יעדער געלעגנהײַט אונטער־שטרײַכן, וויאזוי ער שעצט זײַן טאלאנט און מײַסטערשאפט.

— כ׳פארשטיי ניט! — פלעגט ער אופגעבראכט ווערן. — קאָזלאָווסקי פארמאָגט דאָך א גאָלדן הארץ. ער קארגט עס קיינמאָל ניט, ווען מע דארף העלפן א מענטשן. און אין דער זעלבער צײַט דערלויבט ער זיך זינגען צווישן די ציין, שוינענדיק די שטים, אין א פולגעפאקטן זאַל. פארוואָס זינגט ער ניט

אלעמאָל אזוי, ווי פאר אונדז, פאר זײַנע פרײַנט? דאָס הארץ איז ער גרייט צו פאטערן אָן ראכמאָנעס, און די שטים האָט ער צוליב וואָס? בעיערושע וועט ער דאָך די שטים זײַנע קיינעם ניט לאָזן...

ביכלאל זײַנען בא מיכאָעלסן ניט געווען קיין אָפגעטער. ער איז קיינמאָל ניט געווען קיין צוויואק ניט אין לעבן, ניט אין דער קונסט. אויך צו מוזיק האָט ער זיך באצויגן ווײַט ניט צוויואקיש. ער האָט, אשטייגער, זייער ליב געהאט עכטע עסטראדע־קונסט. מיט גרויס כיישעק פלעגט ער באזוכן עסטראדע־קאָנצערטן מיטן אָנטייל פון לעאָניד אוטיאָסאָוון (נאָך די קאָנצערטן פלעגט ער האלטן אין איין מורמלען די מעלאָדיעס, וועלכע האָבן זיך אים באזונדערס פארגעדענקט).

ווען אין מאָסקווע זײַנען געשטאנען הייסע זומערדיקע טעג, פלעג מיכאָעלס, געוויינלעך נאָכן ספעקטאקל, ארײַנכאפּן זיך אין א קאפע, ניט ווײַט פונעם טעאטער. די אָרקעסטראנטן, וועלכע האָבן אים געקענט און ליב געהאט, זײַנען ניט פויל געווען צו שפּילן ספּעציעל פאר אים א פּאָפּורי פון ייִדישע פאָלקסלידער. ער פלעגט זיי אָפּדאנקען, פארנייגנדיק זיך מיט טעאטראלער עלעגאנטישקײַט, און פילן זיך גליקלעך.

שלוימע מיכאָעלס איז געווען א גלענצנדיקער רעזשיסער. ס׳קאָן אָבער זײַן, אז בא אנדערע אומשטאנדן וואָלט זיך פון אים באקומען א טאלאנטפולער מוזיקאנט — עפּשער א קאָמפּאָזיטאָר, א דיריזשאָר אָדער א שפּילער. עס זײַנען פאראַן א סאך באווײַזן, אז מיכאָעלס איז געווען ניט נאָר אן ענטוזיאסטישער צוהערער, נאָר אליין א שעפער פון מוזיק.

זײַן נעשאָמע, זײַן גײַסט איז געווען איבערגעפולט מיט מוזיק, וועלכע האָט געמוזט געפינען אן ארויסגאנג.

ס׳איז אומעגלעך צו פארגעסן זײַן ייִדיש וויגלידעלע, מיט וועלכן ער טרעט אויף אין א קליינער עפּיזאָדישער ראָל אין דעם באוווּסטן פילם „צירק״.

מיכאָעלס איז אליין דער שעפער פונעם כיינעוודיקן מוזיקאלישן עפּיזאָד.

די מוזיק, וועלכע האָט געלעבט אין אים, איז אלעמאָל גרייט געווען זיך אנטפּלעקן אין סאמע פארשיידענע אספעקטן. ווען עס פלעגן פעלן ווערטער, האָט ער, דער מענטש, וואָס איז געווען א טעאטראל מיט אלע זײַנע כושים, אויסגעטראכט און מײַסטעריש אופגעבויט א טעאטראליזירטע שפּיל — א ניגן אָן ווערטער. מיינסטנס פלעג דאָס אופגעפירט ווערן, ווי א דועט. קעדיי די שפּיל זאָל זיך באקומען קאָמפּאָזיציאָנעל געפונדעוועט לויט אלע קלאָלים, האָט זיך געפאָדערט א „קאָנפליקט״.

איינמאָל איז אזא „קאָנפליקט" געשאפן געוואָרן פון מיכאָעלסעס א פראזע, מיט וועלכער ער האָט זיך געווענדט צום לענינגראדער ארטיסט ב. ס. באָריסאָוו:

— אָט וואָס, — האָט ער אים געזאָגט, — באלד וועל איך דיר אָנטרויען א סאָד, אז כ'האָב אין ערגעץ און קיינמאָל ניט באגעגנט אזא פרוי, ווי מיַין אייגן וויַב, און דו פרווו מיך אָפריידן. דערוויַז מיר, אז כ'בין ניט גערעכט.

און ס'האָט זיך אָנגעהויבן א שפּיל, וועלכע איז אויסגעבויט אף א פּרעכטיקער מעלאָדיע. דאָס איז געווען אין טאָך א דיאַלאָג, אָן איבערגעפולטער מיט פלאמיקע געפילן, מיט היציקער ליַידנשאפט — איין זינגער האָט געשילדערט די ווּנדערלעכע מיַילעס פון דער דאמע, דער צווייטער האָט געהאלטן פאר א פכיסעס־האקאָוועד אפילע ריידן וועגן דעם... און דאָס אלץ איז געווען אויסגעדריקט בלויז מיט דער הילף פון מוזיקאלע אינטאָנאציעס. ס'איז שווער געווען צו גלייבן, אז דער ניגן איז אינגאנצן אימפּראָוויזירט. די ארטיסטן האָבן וויר־טואָז געניצט זיך מיט אלעגראָ און אנדאנטע, מיט אלטעראציע און וויבראציע. מע האָט געשילדערט אזעלכע אטאקעס און דאָס אלץ מיט אזא איבערציַיגעוודיקיַיט, אז ווען די „שפּיל" האָט פינישירט, האָבן די אויספילער זיך דערזען אין קריַיז פון אופגערעגטע און דאנקבארע צושויער, וועלכע האָבן אפּלאָדירט מיט אזא היספּיַילעס, אז ס'איז אומעגלעך געווען זיי באַרויקן (דאָס איז פאָרגעקומען אין האָטעל „אייראָפּעיִשער" אין לענינגראד).

אזעלכע מוזיקאל־סצענישע „שטיקלעך" פלעגן זייער אָפט אנטשטיין אדאנק מיכאָעלסן. אף דער באגעגעניש מיט דאָלאָרעס איבארורי אין צענטראלן הויז פון קונסט־טוער זיַינען די אויספילער פון אזא שפּיל געווען ער, שלוימע מיכאָעלס, און ביניאָמין זוסקין. מיט זוסקינען האָט ער ביכלאל ליב געהאט צו זינגען. ס'האָט געמעגט זיַין א ניגן אָן ווערטער, א ליד מיט ווערטער — טאָמיד אימפּראָוויזירטע „שטיקלעך". מיכאָעלס איז, נאטירלעך, געווען דער „פּרינץ פונעם וואָרט", נאָר אין די סצענקעס, וועלכע ער פלעג אויסשפּילן מיט זוסקינען, זיַינען זיי זיך באגאנגען אינגאנצן אָן ווערטער. אזוי איבערציַיגעוודיק פלעגן זיַין זייערע זשעסטן און די מימיק, יעדער קער און יעדער בליק זייערער.

א גוטע ליד פלעג באצויבערן מיכאָעלסן. און פונדעסטוועגן האָט ער מער ליב געהאט אליין צו דיריזשירן — צי ס'איז א גרופּע באם טיש, צי אָן ערנסטע ליד אין טעאטער, אף דער בינע. וויַיזט אויס, אז זיַין דיריגענטישער טאלאנט איז אזוי טאקע אין דער נייטיקער מאָס ניט מעקויִעם געוואָרן. בייס די רעפּעטיציעס אין טעאטער פלעג ער אָפטמאָל מעגילגל ווערן אין א כאָרמייסטער. אין אקטיאָרן־הויז בייס א פיַיערונג אָדער שעפערישן אָוונט, פלעג ער זיך דער־

ליבן אף א ווײַלע פארנעמען דאָס אָרט פונעם דיריזשאָר. אָבער אין סאכאקל איז ער דאָך קיין דיריזשאָר ניט געוואָרן. דערפאר האָט אפן סאמע בעסטן אויפן געקלונגען די געשאפענע דורך אים מוזיק אף דער יידישער בינע.

און נאָך איין קאפיטל אין מיכאָעלסעס מוזיקאלן מעהוס. מע קאָן עס אָנרופן — א רעזשיסער, א קאָמפּאָזיטאָר.

אנומלטן האָבן פריַינט איַינגעלאדן מיכאָעלסן צוזאמען מיט די גרויסע סאָוועטישע קאָמפּאָזיטאָרן יו. א. שאפּאָרין און א. וו. גאוק „אף בלינעס". בײַם דעם איבערײַס צווישן ערשטן און צווייטן „סיידער", ווען די ערשטע פארטיע איז שוין אופגעגעסן און די צווייטע באקט זיך נאָך, האָט מיכאָעלס זיך גע־ווענדט צו יורי אלעקסאנדראָוויטש שאפּאָרינען און צו אלעקסאנדער וואסיליע־וויטש גאוקן, מע זאָל ניט פארלירן קיין גאָלדענע צײַט און מאָבילזירן אלע שעפערישע קויכעס צו שאפן א לעכאים־ליד פאר דעם ספּעקטאקל „פרייליכס". ער האָט פאָרגעלייגט, זיי זאָלן פרווון פארשרײַבן די מעלאָדיע, וואָס ער וועט באלד אויסזינגען. דאָס, וואָס ס'איז ניטאָ קיין נאָטן־פּאפּיר איז קיין טערעץ ניט. ער וועט אליין גלײַך אָנווירען. נאָר אומבאדינגט דארף מען אויספילן צוויי טנאָים. ערשטנס, ניט אונטערקוקן איינס באם אנדערן, און, צווייטנס, פארשרײַבן די מעלאָדיע, אָפּהיטנדיק אלע פּאוזעס פונקט אזוי, ווי ער וועט אויסזינגען. ווײַל יעדע פּאוזע איז פון פּרינציפּיעלער וויכטיקײַט פאר די נאָטן. אָן א פּאוזע איז ניטאָ קיין מעלאָדיע. ס'טרעפן זינגער, וועלכע „זאמלען" ריכטיק צונויף אלע נאָטן, ווי מע זאמלט שוואָמען, נאָר דאָס בלײַבט „א צונויפזאמלונג פון נאָטן", אָבער ניט קיין מעלאָדיע. די מעלאָדיע, וואָס ער וועט באלד אויסזינגען, הייבט זיך אפילע אָן מיט א פּאוזע.

ניט נאָר ערנסט, נאָר אפילע פײַערלעך זײַנען אָנגענומען געוואָרן די באַדינגען.

בא שאפּאָרינען אין קעשענע האָט זיך געפונען, צו מיכאָעלסעס פרייד, א בלעטל נאָטן־פּאפּיר. ביידע קאָמפּאָזיטאָרן האָבן זיך איַינגעאָרדנט באם טיש, גרייטע צו אָנהייבן די ארבעט. א שטילשווײַגן האָט זיך איַינגעשטעלט אין צימער.

— אָט איז דער אָנהייב. — מיכאָעלס האָט א פאָרזיכטיקן קלאפּ געטאָן איבערן טיש. דער קלאפּ האָט זיך איבערגעכאזוערט מיט א קרישטאָלענעם קלאנג פון די באָקאלן „באקארא". — דאָס איז מײַן ערשטע פּאוזע, — און ער האָט פארצויגן דעם ניגן...

די דאָזיקע מוזיק איז געוואָרן אַן אָרגאַנישער טייל פֿונעם ספּעקטאַקל. שאַפּאָרין האָט שפּעטער אַפֿן יעסאָד פֿון דער מעלאָדיע אָנגעשריבן זײַן באַרימטן „וואָקאַליז". אַזױאַרום, מעג מען זיכער רעכענען מיכאָעלסן פֿאַר דעם מעכאַבער פֿון דער מוזיק, וועלכע האָט געפֿונען פֿאַר זיך אַזאַ סטאַביל אָרט אינעם ספּעקטאַקל „פֿרײלעכס". ער איז אויך שאַפּאָרינס מיטאַוואָר.

אַ באַזונדער אָרט אין מיכאָעלסעס לעבן האָט פֿאַרנומען די קלאַסישע מוזיק.

אויב די פֿאָלקסליד, די עסטראַדע־מוזיק האָבן אים באַגלייט טאָגטעגלעך סײַ אין שטייגער, סײַ אין דער שאַפֿונג, איז זײַן באַציִונג צו דער קלאַסישער מוזיק אַ באַווײַז, וואָס פֿאַר אַן ערנסטער דענקער עס איז געווען אָט דער גאָטגעבענטשטער אַרטיסט און רעזשיסער. זײַן אויפֿנעמען די קלאַסישע מוזיק איז אַן אויסדרוק פֿון דער וועלט־אָנשויונג פֿון אַ פֿאָרגעשריטענעם קינסטלער פֿון זײַן דאָר.

מיכאָעלסן פֿלעג פֿאַרקישעפֿן טשײַקאָווסקיס מוזיק, איבערהויפּט זײַן פֿערטע, פֿינפֿטע און זעקסטע סימפֿאָניעס. אָט די מוזיק איז געווען פֿאַר אים צווייבערדיק מיט איר אויסערגעוויינלעכער אויפֿריכטיקײַט, וואָס עס איז אַזוי אייגנטימלעך אויך פֿאַר מיכאָעלסעס שאַפֿונג. אין טשײַקאָווסקיס סימפֿאָניעס האָט דער גרויסער אַרטיסט געפֿונען די זעלבע לײַדנשאַפֿט און טראַגישקײַט, אין פֿאַרייניקונג מיט דער צאַרטער לירישקײַט, וואָס איז געווען דער טאַמצים פֿון זײַנע אייגענע קונסט־ווערק. אין מיכאָעלסעס עמפּינדונג האָט די פּראַכטפֿולע מוזיק געלויבט שעקספּירס וועלט, די וועלט פֿון מענטשן גײַסטיק באַפֿרײַטע פֿון רעליגיִעזע דאָגמעס און פֿעאָדאַלע קאַסטע־פֿאָרורטיילן, די וועלט, וואָס איז פֿול מיט ווידערשפּרוכן דאָרט, ווו געלטגיריקײַט, פֿאַלשקײַט, שקאָרים, מאַכטגײַציקײַט הערשן איבער ריינער ליבע און טרײַהײַט.

מיכאָעלסן איז געווען זייער צום האַרצן די פֿאָלקס־אינטאָנאַציע אין טשײַקאָווסקיס מוזיק. די „בערעזענקע", דער „זשוראַוועל", די מעלאָדיעס באַם „קאָליאַדעווען", וועלכע דער קאָמפּאָזיטאָר האָט אַזוי פֿאַסיק אויסגעניצט אין די סימפֿאָניעס, האָבן באַצויבערט מיכאָעלסן. ער פֿלעג אַלעמאָל אויסזינגען די עטער, ווו אָט די טעמעס האָבן געקלונגען, און בכּלל גאַנצע מוזיקאַלע פֿראַזעס פֿלעג ער זייער אָפֿט איבערכאַזערן.

דער אַרבעטסטאָג מיכאָעלסעס איז שטענדיק געווען ביז גאָר אָנגעשטרענגטער. ער האָט געאַרבעט מיט אַזאַ געשפּאַנטקײַט, אַז מע פֿלעג זיך בידעשן, פֿונוואַנען עס נעמען זיך צו אַ מענטשן אַזעלכע קויכעס. אָבער שפּעט

אין אָוונט פלעגט צו אים קומען די אנטשפאנונג, ווען ער האָט געהערט מוזיק אינדערהיים, דורך ראדיאָ.

ווען אין דער נאכט־שטילקייט פלעג זיך דערהערן ראוועלס „באָלעראָ", פלעג ער בלייבן זיצן א פארכושטער, אפילע קיין ריר זיך ניט טאָן. מיט אן איינגעהאלטענעם אָטעם האָט ער איינגעזאפט אין זיך די מוזיק, גלייך ווי עס שטייט אים פאָר באלד אנטדעקן פאר זיך עפּעס אויסערגעוויינלעכס. אזוי פלעג ער הערן אויך רימסקי־קאָרסאקאָווס „שעכערעזאדע", דערביי פלעגן זיינע הענט, די פינגער קוים באמערקבאר זיך באוועגן ניט נאָר צום טאקט פון דער מעלאָדיע, נאָר אויך צום טאקט פון דעם קאָמפּאָזיטאָרס „קאוואָנע".

איינער פון מיכאָעלסעס סאמע באליבטסטע קאָמפּאָזיטאָרן איז געווען סערגיי פּראָקאָפיעוו. פון זיין מוזיק האָט ער געהאלטן א וועלט. ער האָט, אשטייגער, זייער ליב געהאט „די מייסעס פון דער אלטער באָבעשי", איבערהויפּט דעם גאוואָט. מיט פיל כיין פלעג ער זינגען דעם מארש פון דער אָפּערע „די ליבע צו דריי אפּעלסינען". די מוזיק פונעם באלעט „ראָמעאָ און דזשוליעטע" האָט ער געשעצט ניט ווייניקער פון דזשוליעטען אין דער אויספילונג פון גאלינע אולאנאָווען.

אין פּראָקאָפּיעווס מוזיק האָט מיכאָעלסן צוגעצויגן דער אומויסשעפּלעכער אָפּטימיזם, די לעבנס־פרייד צוזאמען מיט אזא צארטער, איידעלער לירישקייט, א באפארבטער מיט ראָמאנטישע שטריכן פון די באליבטע העלדן.

מיכאָעלס איז געווען איינער פון די ערשטע, וועלכע האָבן ווי געהעריק אָפּגעשאצט די מייסטערשאפט פון דמיטרי שאָסטאקאָוויטשן. וואָס אזוינס האָט גערירט מיכאָעלסן אין זיין מוזיק? אינטערעסאנט, אז אין דער באוווסטער זיבעטער „לענינגראדער" סימפאָניע שאָסטאקאָוויטשעס האָט מיכאָעלס אָפּגעמערקט די טעמע פון מענטשלעכן צאר (פאגאָט) אפן שלאכטפעלד און ניט דעם אלגעמיין־באקאנטן מארש פון די פאשיסטן.

שאָסטאקאָוויטש האָט אופגערודערט מיכאָעלסן אויך מיט זיין „קאטערינע איזמאילאָווע", וועלכע האָט נאָך דאן געהייסן „לעדי מאקבעט פון מצענסקער אויעזד". אינעם קאָמפּאָזיטאָרס סטיל האָט דער בינע־מייסטער פאר זיך גלייך אנטפלעקט גאָר טיפע מוזיקאלע קאוואָנעס.

היינט איז לייכט צו קאָנסטאטירן: מיכאָעלס האָט אופגענומען די גרויסקייט פון שאָסטאקאָוויטשעס קונסט. דערביי דארף מען וויסן, אז דער קאָמפּאָזיטאָר איז אין אָנפאנג פון זיין שעפערישן וועג א לאנגע צייט ניט געווען אנערקענט. קעדיי פּאָרויסזען דעם גלענצנדיקן גוירל, וועלכער איז באשערט

געווען שאָסטאַקאָוויטשעס שאפונג, האָט מעןווירקלעך געדארפט זײַן א פאָלקס־כאָכעם, אָן עכט פּראָגרעסיווער דענקער. ס'איז ניט מעגלעך גלײַכגילטיק צו לייענען די שורעס, וועלכע מיכאָעלס האָט אָנגעשריבן וועגן שאָסטאַקאָוויטשן אין 1944: „איך בין טיף איבערצײַגט, אז שאָסטאַקאָוויטשעס מוזיק געהער דער סאמע נאָענטסטער צוקונפט. איך באשטיי אַף דעם ווידער און ווידער: דער סאמע נאָענטסטער צוקונפט.

כ'געדענק ניט ווער, באראטינסקי אָדער וויאזעמסקי, האָט באמערקט מי־קויעך גלינקען: „מע זאָגט מיר, אז דאָס איז קינפטיקע מוזיק. עפשער איז עס אזוי, אָבער פארוואָס צווינגט מען מיך איצט הערן די מוזיק פון דער צוקונפט?"

מע זאָגט, אז דער הויפּט־קריטערי אין דער אָפּשאצונג פון מוזיקאלע ווערק דארף זײַן די לײַכטע צוטריטלעכקײַט. כ'בין אײַנשטימיק, נאָר ניט פולקום. ערשטנס, מיין איך, אז אזא קריטערי קאָן ניט זײַן דער איינציקער. אשטייגער, די מוזיק פון בעטהאָווענען און טשײַקאָווסקין איז ניט אלעמאָל און ווײַט ניט פאר אלעמען אזוי לײַכט און קלאָר צוטריטלעך. איז וואָס זשע הייסט עס? כ'מיין, אז דאָס הייסט בלויז דאָס, אז די צוהערער אין דעם פאל באהערשן נאָך ניט דעם קולטורעלן ניוואָ, וועלכער קאָן זיי דערלויבן פארשטיין און אופנעמען די צויבערדיקע קלאנגען. עפשער זײַנען זיי ביכלאל אין דעם פּראט אמעראצים. זיי דארפן זיך לערנען, וואקסן, קעדיי דערגרייכן בעטהאָווענס גרויסקײַט.

אכוץ דעם, מוז מען געדענקען, אז אלץ, וואָס געהער צו נײַע הויכקײַטן, שטויסט זיך זייער אָפט אָן אַף אומפארשטענדלעכקײַט. דאן קומט אוף א נויטווענדיקײַט אין טאלאנטפולער קריטיק, אין אן עמעסן מייוון, אָפּשאצער, וועלכער איז פעיִק פארטיידיקן, אונטערהאלטן, דערקלערן אלעמען די נײַע אויסערגעוויינלעכע דערשײַנונג.

בעטהאָווען, סטענדאל, מאיאקאָווסקי האָבן אין זייער צײַט פיל געליטן פון נעגירונג. מע קאָן אָנרופן נאָך א סאך נעמען...

מיר זײַנען די בויער פון אונדזער צוקונפט. מיר זײַנען מעכויעוו זײַן אופ־מערקזאם איבערהויפט צו אזעלכע קינסטלער, וועלכע שפירן די צוקונפט, ווי עכטע פאָרשריטלער פון אונדזער דאָר. שאָסטאַקאָוויטש איז איינער פון זיי. זײַן נאָמען איז דער נאָמען פון א הויכן טורעם אין דער מוזיקאלער קולטור פון צוואנציקסטן יאָרהונדערט".

מ'האָט בעפיירעש געדארפט זײַן א גלײַכער מיטן גרויסן קאָמפּאָזיטאָר, קעדיי אזוי באנעמען די צײַט און דאָס אָרט פון עכטער קונסט אין לעבן. די צײַט האָט דערוויזן, אַף וויפל מיכאָעלסעס ארויסזאָגונג איז בארעכטיקט.

ווען דאָס פאָלק האָט באגלייט מיכאָעלסן אין זײַן לעצטן וועג, האָט געשאָלט בעטהאָווענס מוזיק אַף די ווערטער פון געטען „ווער וועט מיר זאָגן, ווער וועט אויסציילן, וויפל ס'איז מיר נאָך געבליבן צו לעבן?..״

אזוי ווי געטע און בעטהאָווען, וועט מיכאָעלס נאָך לאנג לעבן אין די טראַדיציעס פון זײַן קונסט. אַף שטענדיק וועט בלײַבן אין זיקאָרן און אין הארצן פונעם פאָלק זײַן אויסטײַטשונג פון סאמע קאָמפּליצירטסטע לעבנס־דערשײַנונגען. זײַן מויעך איז אליין געווען א קאָלאָסאלע גרויסע וועלט, וועלכע ס'האָבן באוווינט פארבונדענע צווישן זיך קאָמישע און טראגישע, דערהויבענע און פּאָשעטע שטייגערישע קאטעגאָריעס, פאסירונגען, דערשײַנונגען.

י. גאָלאָוואשענקאָ האָט זייער ריכטיק באמערקט אין זײַנע זיכרוינעס וועגן מיכאָעלסן: סאָלאָמאָן מיכײַלאָוויטש, ווי שעקספּיר, האָט געשפּילט אפן ראָיאַל מיט ביידע הענט, אָנדריקנדיק אײנצײַטיק אַף אלע קלאווישן — אַף דער אינערלעכער וועלט פון מענטשן, דער סאמע קאָנקרעטער פון אלע קאָנקרעטקײַטן, — און אײנצײַטיק אַף דער גרויסער אלוועלט. אין זײַן רעשוס זײַנען געווען מערקווירדיקע קויכעס פאר סומארער שילדערונג. מיט קאָלאָסאלער מײַסטערשאפט האָט ער פאראלגעמיינערט די קאָנקרעטע וועלטעלעך אין דער גרויסער פילאָסאָפישער אלוועלט...

דאָס אסאָצײַירן דאָס געשטאלט פונעם גרויסן ארטיסט מיט מוזיק איז ניט צופעליק. ס'ווילט זיך ווידער אונטערשטרײַכן, אז אייגנטלעך אין דער מוזיק פלעג שלוימע מיכאָעלס אלעמאָל זוכן און געפינען די באשטעטיקונג פון זײַנע השערעס. פון דער מוזיק פלעגן פאר אים דערשײַנען די רײַכע מעגלעכקײַטן איבערצוגעבן די עמאָציִנעלע וועלט פונעם מענטשן.

װעניאַמין פֿלײשמאַן און זײַן אָפּערע „ראָטשילדס פֿידל"

די מילכאָמע מיטן פֿאַשיסטישן דײַטשלאַנד האָט אַװעקגעטראָגן אַ סאַך װוּנדערבאַרע לעבנס. צװישן זײ — דאָס לעבן פֿונעם יונגן קאָמיוגיסט, טאַלאַנט-פֿולן קאָמפּאָזיטאָר װעניאַמין פֿלײשמאַן. די פּעדאַגאָגן און סטודענטן פֿון דער לענינגראַדער קאָנסערװאַטאָריע האָבן גוט געקענט און ליב געהאַט װעניע פֿלײשמאַנען. ער איז געװען אַן עכטער פּאַטריאָט פֿון זײַן הײמלאַנד, אַ מענטש מיט אַ רײנער נעשאָמע, אַ שטילער, באַשײדענער מענטש מיט אַ װוּנדערלעך אײַנגעהײַטלעכער נאַטור. דער פֿאָלקס-אַרטיסט פֿון פֿססר קאָמפּאָזיטאָר געאָרגי סװירידאָװ, פֿלײשמאַנס אַמאָליקער מיטשילער לױט דער קאָנסערװאַטאָריע, שרײַבט װעגן זײַן כאַװער: „דאָס איז געװען אַ מערקװירדיקער טאַלאַנט, אַ מענטש מיט אַ זעלטענעם סײכל און עמפּפֿינדלעכער נעשאָמע". אינעם האַרבן אײן-און-פֿערציקסטן יאָר איז פֿלײשמאַן גלײַך פֿון דער קאָנסערװאַטאָריע אַװעק פֿרײַװיליק אױפֿן פֿראָנט...

קײן לענינגראַד איז דער פֿיר-און-צװאַנציקיאָריקער באָכער געקומען פֿון בעזשעצק, קאַלינינער געגנט. אין אָט דעם ניט-גרױסן שטעטל איז ער געבױרן געװאָרן און אױסגעװאַקסן. יאָסיף אַראָנאָװיטש פֿלײשמאַן, דער פֿאָטער פֿונעם קינפֿטיקן קאָמפּאָזיטאָר, אַ צײן-דאָקטער לױטן פֿאַך, און זײַן פֿרױ, אַ לערערן פֿון עקאָנאָמישער געאָגראַפֿיע אין אַ שול, האָבן דערצױגן פֿיר זין און אַ טאָכ-טער. אַלע אין דער מישפּאָכע האָבן געלעבט צװישן זיך זײער פֿרײַנטלעך, זײ זײַנען געװען מענטשן פֿון אַ הױכן מאָראַל-עטישן ניװאָ. אין שטוב האָט געהערשט אַ מוזיקאַלישע אַטמאָספֿער. דער עלטערער זון און די טאָכטער האָבן געשפּילט פֿאָרטעפּיאַנע, די מוטער האָט געזונגען. דאָס אַלץ האָט דירעקט געװירקט אױף װעניאַמינס טיכטיקער נאַטור. די מוזיק האָט אים געצױגן צו זיך. ניט זעלטן האָט מען געקאָנט זען, װי ער, אַ קינד נאָך, מאָסטעט זיך אײַן ערגעץ אין אַ װינקל פֿונעם צימער און זינגט אױס אַ ליד אונטערן אײגענעם אַקאָמפּאַנעמענט, אױסקלאַפּנדיק דעם ריטם מיטן פֿױסטל.

װעניע האָט זיך געלערנט שפּילן אױף אַ פֿידל. קינדװײַז האָט ער אָנטײל-גענומען אינעם מוזיקאַלישן קאָלעקטיװ באַם רױטן װינקל פֿון דער אָרטיקער פּעדאַגאָגישער געזעלשאַפֿט. דער קאָלעקטיװ האָט זיך אױסגעצײכנט דערמיט,

וואָס אין אים האָבן אָנטײלגענומען מענטשן פֿון פֿאַרשײדענעם עלטער און פּראָ־פֿעסיעס. אױף אַ פֿידל האָבן געשפּילט צװײ פּעדאַגאָגן פֿון װאָקאַל, אַן אַרטיקער יוריסט, אַ סטודענט פֿון דער פּעדאַגאָגישער שול און ער, דער דרײַצניאָריקער װעניע פֿלײשמאַן. דער יונגער אַרבעטער פֿונעם מעכאַנישן זאַװאָד יעגאָראָװ האָט געשפּילט אױף אַ טרומײט, דער בוכהאַלטער סטראַגאַזשסקי — אױף אַ פּיסהאַרמאָ־ניע און װעניעס שװעסטער דינע פֿלײשמאַן — אױף אַ פּאַרטעפּיאַנע. דער לערער פֿון כימיע פּערעסלעגין איז געװען אַ קלאַרנעטיסט...

אין אָט דעם קלײנינקן אָרקעסטער האָט זיך אָנגעהױבן װעניע פֿלײשמאַנס מוזיקאַלע דערציִונג. דאָ האָט ער צום ערשטן מאָל זיך אױסגעלערנט מוזיצירן, אַרױסברענגען קלאַנגען אין העסקעם מיטן נעשאָמע־געמיט. דאָ האָט ער דער־הערט די לעבעדיקע אינטאָנאַציעס פֿון דער ייִדישער נאַציאָנאַלער מוזיק, װעל־כע האָט געקלונגען אין יעדן הױז פֿון זײַן הײמשטעטל. שפּעטער װעט דאָס אָרקעסטערל פֿון זײַן קינדהײט װערן דער פּראָטאָטיפּ פֿון דעם גאַס־אָרקעסטער אין זײַן אָפּערע „ראָטשילדס פֿידל".

צוערשט האָט װ. פֿלײשמאַן זיך ניט געקליבן צו װערן אַ פּראָפֿעסיאָנעלער מוזיקאַנט. נאָכן פֿאַרענדיקן די מיטלשול, איז ער אָנגעקומען אױף קורצטערמיני־קע קורסן פֿאַר צוגרײטן לערער און אָנגעהױבן אַרבעטן אַלס פּעדאַגאָג אין אַ װײַטן קאַרעליער דאָרף.

אין יענער צײַט האָט ער אומבאַמערקט פֿאַר זיך אַלײן זיך אַזױ אַרײַנגע־טאָן אינעם פֿידל, אַז אַלע זײַנע געדאַנקען און געפֿילן האָט ער אױסגעדריקט בלױז מיט דער שפּיל אױף אָט דעם װוּנדערלעכן אינסטרומענט. ער האָט גע־טרױמט װעגן לענינגראַד, קעדײ הערן דאָרט מוזיק אין אַ גוטער אױספֿילונג, זיך באַקענען מיט נײַע פֿאַר אים שאַפֿונגען, זיך באַגעגענען מיט עמעסע מוזי־קאַנטן. קײן לענינגראַד איז ער געקומען אין 1931 און דאָרט געװאָרן אַ סטו־דענט פֿונעם פּאָליטעכנישן אינסטיטוט. די מוזיק אָבער לאָזט אים ניט צורו, און ער קומט אָן אין דער מוזיק־שול אױף מוסאָרגסקיס נאָמען, אױף דער קאָמפּאָ־זיטאָרן־אָפּטײלונג אינעם קלאַס פֿונעם פּראָפֿעסאָר מ. יודין.

פֿלײשמאַנס טאַלאַנט און מײַסטערשאַפֿט האָבן זיך אַנטװיקלט אַזױ שנעל, אַז שױן אין דרײַ יאָר אַרום האָלט ער אױס די עקזאַמענעס אין דער לענינגראַ־דער קאָנסערװאַטאָריע און װערט אַ שילער פֿון דעם באַרימטן קאָמפּאָזיטאָר דמיטרי שאָסטאַקאָװיטש. אין אײנעם פֿון די פֿאַרהיטע גריװו צו די עלטערן (פֿונעם 5 דעקאַבער 1939) זאָגט ער אַרױס זײַן פֿרײד: „אין מײַן לעבן איז פֿאָרגעקומען אַ גרױסע געשעעניש: עס איז מאַסקים זיך פֿאַרנעמען מיט מיר

דער פּראָפעסאָר דמיטרי שאָסטאַקאָוויטש, וועלכן מע האַלט פאַר דעם קולטור־רעלסטן און טאַלאַנטפולסטן מוזיקער פון אונדזער צײַט. שאָסטאַקאָוויטש פאַרמאָגט אַן אויסערגעוויינלעכן זיקאָרן: וואָס איר ווילט, שפּילט ער אויף אויסווייניק, אָריענטירט זיך מאָמענטאַל אין די מוזיקאַלישע שאַפונגען, פאַרמאָגט אַ וווּנדערבאַרן געשמאַק און עכטע מײַסטערשאַפט. צו מיר באַציט ער זיך זייער גוט. אַ נײַס איז אײַנגעפירט געוואָרן בײַ אונדז אויף די לעצטע לימודים: מיר שאַפן מוזיק דאָ גלײַך אינעם קלאַס, אָן אַן אינסטרומענט. אויף אויספילן יעדע פאַרגעבונג ווערט געגעבן אַ שאָ צײַט. דאָס מאָל האָבן מיר געשריבן ראָמאַנסן פאַר אַ שטים און פאָרטעפּיאַנע אויף הײַנעס טעקסטן. בײדע מאָל האָט זיך באַקומען בײַ מיר געלונגען. דעם ראָמאַנס האָט צוזאַמען מיט די סטודענטן געשריבן אויך דמיטרי דמיטריִעוויטש, אָנגעשריבן האָט ער אים פאַר פינף מינוט, און, פאַרשטייט זיך, בעסער פון אַלעמען. די דאָזיקע איבונגען האָבן געהאַט דעם ציל צו אויסאַרבעטן אַ שנעלקײַט פון שרײַבן, וועלכע איז נאָך בײַ מיר זייער קנאַפּ אַנטוויקלט".

אין אַן אַנדער בריוו שרײַבט ער: „ס'ווילט זיך מיר אײַך אָנשרײַבן וועגן די יונגע מוזיקער פון שאָסטאַקאָוויטשעס קלאַס. אויפן ערשטן אָרט דאַרף געשטעלט ווערן סווירידאָוו — פאַרן זומער האָט ער אָנגעשריבן אַ סימפאָניע. נאָך אים גייט לויט די מאַסשטאַבן לעוויטין, אַ פאַרענדיקטער פּיִאַניסט. אַן אַספּיראַנט אין דער קאָנסערוואַטאָריע לויטן קלאַס פאָרטעפּיאַנע. נאָכדעם גייט יעוולאַכאָוו — ער שרײַבט איצט אַ קאָנצערט פאַר פאָרטעפּיאַנע מיט אַן אָרקעסטער. מיט איין וואָרט, אונדזער קאָלעקטיוו שטעלט מיט זיך פאָר ניט נאָר אַ שטודיר־גרופּע, נאָר עפּעס פיל מער...".

אין שאָסטאַקאָוויטשעס קלאַס אַנטוויקלט זיך גיך פליישמאַנס מוזיקאַלער געשמאַק — ער האָט ליב די רוסישע קלאַסיק, שובערטס ליריק, איז פאַרכאַפּט מיט דער ייִדישער נאַציִאָנאַלער מוזיק. געשאַפן האָט וו. פליישמאַן מיט היספּײַלעס. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז פאַר אים עקזיסטירט קיין זאַך ניט, אויסער מוזיק. געאַרבעט האָט ער צו 16 שאָ אין טאָג און איז געווען זייער שטרענג אין די פאָדערונגען צו זיך.

אין אָקטיאַבער 1937 שרײַבט ער צו די עלטערן: „איר דאַרפט פאַרשטיין, אַז אין אַזאַ וווּנדערלעכער אומגעבונג, ווען קימאַט אַלץ, וואָס איך שרײַב, ווערט געלויבט, ווילט זיך שרײַבן אַ סאַך און גוט. און מיך קימערט, וואָס ניט שטענדיק באַקומט זיך בײַ מיר דאָס, וואָס איך וויל. די לײַכטקײַט פונעם שרײַבן ווערט דערגרייכט ניט אַזוי פּאַשעט, נעמענדיק אין אַכט דעם פאַרהעלטעניסמע־

סיק שפּעטן עלטער, ווען איך האָב אָנגעהויבן זיך פאַרנעמען מיט מוזיקאַלער שאַפונג. אַגעוו, ס'איז פּונקט צום אָרט, עס זאָל באַמערקט ווערן, אַז מע דאַרף האָבן אַ יאָם מיט האָזע, קעדיי רעדן וועגן „לײַכטקײַט פון שרײַבן מוזיק" בײַס אין אַקטיוו פאַרמאָגט מען דערווײַל איינע קאַוואָנעס און אַפילע ניט קיין פאַרשטעלונג וועגן די אייגענע קויכעס... ס'וואָלט בעפּיירעש געווען ניט איינגאַנצן ריכטיק צו זיפצן אויף דער טעמע „אויב", ווײַל די דערוואָרבענע לעבנס־דערפאַרונג האָט אַ גרויסע באַדײַטונג אינעם אינהאַלט און אין דער קוואַליטעט פון דער מוזיק".

פלײשמאַן אַרבעט בײַ דער פאָרטעפּיאַנע ווי נאָר עס מאַכט זיך אַ מעגלעכקײַט זיך צוזעצן צו איר. צוזאַמען מיט דער פרוי לעבט ער אין אַ צוזאַמענוווינונג, און דאָס מאַכט נאָך שווערער די אַרבעט. די פרוי איז אַ פּיאַניסטקע, און ער טרעט איר אָפּ דעם אינסטרומענט, ווען זי גרייט זיך צו אַ קאָנצערט אָדער צו די אָרדנטלעכע לימודים און עקזאַמענעס, אַליין גייט ער אַוועק זוכן אין דער קאָנסערוואַטאָריע אַ פרײַע פאָרטעפּיאַנע...

אין זײַן שאַפונג האָט פלײשמאַנען געצויגן צו וואָקאַלער מוזיק (האָגאַם, ער האָט אָנגעשריבן אַ גרויסע צאָל ריין אינסטרומענטאַלע ווערק). צום באַדויערן, זײַנען די קסאָוויאַדן זײַנע, אויסער דער אָפּערע און די פאָרטעפּיאַנעפּרעליודיעס, ניט פאַרהיט געוואָרן — די מילכאָמע האָט אויך זיי ניט געשאָנעוועט... ווי זײַנע פרײַנט דערציילן, זײַנען געווען באַזונדערס ווערטפול די ראָמאַנסן אויף מ. יו. לערמאָנטאָווס ווערטער. זײַן ווײַב שרײַבט: „איך געדענק דעם טאָג פונעם קאָנצערט, ווען עס זײַנען אויסגעפילט געוואָרן ווענייעס ראָמאַנסן אויף לערמאָנטאָווס ווערטער. איך האָב געדאַרפט אַקאָמפּאַנירן און מיט האַרצקלאַפּעניש געוואַרט, וויאַזוי עס וועט קלינגען די מוזיק, דאָס קאָל פון דער זינגערן, מײַן אַקאָמפּאַנעמענט. גלײַכצײַטיק האָב איך זיך געפילט שטאָלץ, וואָס כ'וועל אויספילן אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכע ראָל". פלײשמאַנס פּרעליודיעס פאַר פאָרטעפּיאַנע האָט צום ערשטן מאָל אויסגעפילט אין סעפּטיאַבער 1937 אָפן אָוונט פון די סטודענטן פון דער לענינגראַדער קאָנסערוואַטאָריע יו. אַ. לעוויטין. זיי האָבן געהאַט זייער אַ גרויסן דערפאָלג...

ווענ:אַמין פלײשמאַנס אַמערסטן באַדײַטנדיק ווערק איז זײַן אָפּערע פון איין אַקט לויט די מאָטיוון פון אַ. פּ. טשעכאָווס דערציילונג „ראָטשילדס פידל". דאָס איז אַ רײַף מײַסטער־ווערק, אין וועלכן ס'האָט זיך דעם קאָמפּאָזיטאָר אײַנגעגעבן פאַרויסצוזען אַ סאַך נאָוואַציעס אין דער אָפּערע־קאָמפּאָזיציע פון דער

הײַנטצײַטיקער מוזיק. אָט וואָס עס האָט געשריבן דמיטרי שאָסטאַקאָוויטש וועגן זײַן שילער און, צווישן אנדערס, וועגן זײַן אָפּערע „ראָטשילדס פידל“:

„ווען איך האָב פאַרנומען די פּראָפעסור אין דער לענינגראַדער קאָנסערוואַטאָריע, האָט צווישן מײַנע שילער זיך אויסגעטיילט וועניאַמין פליישמאַן. איך קאָן מיט פולער זיכערקייט זאָגן, אַז דאָס איז געווען אַ קאָמפּאָזיטאָר פון אַ קאָלאָסאַלן טאַלאַנט. שוין פון די ערשטע טריט פון זײַן קאָמפּאָזיטאָרישער טעטיקייט האָט ער זיך פאַרכידעשט מיט זײַן דערפינדערישקייט און פרישקייט, מיט דער עכטער עמאָציאָנעלקייט פון זײַן מוזיק. אין פליישמאַנס ווערק זײַנען געווען אַלע אײַגנשאַפטן פאַר אַ ווײַטערדיקן וווּקס. ער האָט גלענצנד באַהערשט דעם אָרקעסטער, שטענדיק געטראָגן מיט זיך דעם טיפן געדאַנק פון אַ גרויסן קינסטלער. זײַן פּאַרטיטור איז פול געווען מיט אומגעריכטע לייזונגען און מיט איידלקייט. פליישמאַן האָט מיט רעכט געהאַט אַ שעם פון אַ מענטשן, וואָס פאַרמאָגט זעלטענע פּראָפעסיאָנעלע ריינקייט, אָנשטענדיקייט און אַרבעטזאַמקייט. אין אַספּעקט פון אַ שול־פאַרגעבונג האָבן מיר מיט אים באַשלאָסן, אַז ער וועט אַרבעטן איבער אַן אָפּערע פון איין אַקט „ראָטשילדס פידל“, לויט טשעכאָווס דערציילונג מיטן זעלבן נאָמען. שוין פון די ערשטע טאַקטן איז געוואָרן קלאָר, אַז די דאָזיקע אַרבעט גייט אַרויס אויסער די גרענעצן פון אַ שול־אַרבעט. „ראָטשילדס פידל“ האָט ער פאַרענדיקט אין קלאַוויר ערעוו דער מילכאָמע. עטלעכע בלעטלעך פונעם קלאַוויר זײַנען ניט געווען אינסטרומענטירט, און איך האָב דאָס געטאָן אין 1943. אין סאַמע אָנהייב פון דער מילכאָמע איז וועניאַמין פליישמאַן אַוועק אױפֿן פראָנט, וווּ ער איז אומגעקומען. זײַן ריזיקער טאַלאַנט, וועלכער האָט אַזוי פיל צוגעזאָגט אין דער צוקונפט, איז אומגעקומען צוזאַמען מיט אים“.

וואָס זשע שטעלט מיט זיך פאָר וו. פליישמאַנס אָפּערע? ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, איז זי אָנגעשריבן לויט טשעכאָווס באַוווּסט ווערק. ס'איז אָבער ניט שווער צו באַמערקן, אַז דער קאָמפּאָזיטאָר גיט אין דער אָפּערע זײַן אייגענע סצענישע ווערסיע פון דער דערציילונג. די דאָזיקע ווערסיע איז פאַרבונדן מיטן קאָנטראַסט־כאַראַקטער פון דער אָפּערע. איין אַספּעקט אירער איז די ספּער פון געדאַנקען און מאַכשאָווֹעס פונעם העלד, דעם באַגראַבער און פידלער בראָנזע. דער צווייטער איז יענער, וואָס בײַ טשעכאָוון איז ער געגעבן פאַרבײַגייענדיק, אַלס פאָן, און פליישמאַן האָט אים אַרויסגעפירט אַלס איקער — דער שטייגער פונעם שטעטל, וועלכער ווערט געמאָלט דורך די קלאַנגען פון שאַבקעסעס יידישן קלעזמער־אָרקעסטער (מיר כאַזערן איבער, אַז דער פּראָ־

טאָטיפּ איז דאָ גאַנץ וואַרשײַנלעך געווען יענץ אָרקעסטערל, אין וועלכן עס האָט קינדווײַז געשפּילט אַליין פליישמאַן).

בא וועמען פון די קלאַסיקער פון דער רוסישער ליטעראַטור וועלן מיר ניט באַגעגענען שילדערונגען וועגן דער שפּיל פון אַ ייִדישן אָרקעסטער, פון ייִדישע קלעזמער? בא פּושקינען, גאָגאָלן, טשעכאָוון... אויב אָבער בא זיי גייט דורך דער ייִדישער אָרקעסטער אַלס עפּיזאָד, אַלס רעמאַרקע, אַלס קאָלאָריטער שטריך, זעען מיר אין דער אָפּערע בא פליישמאַנען עפּעס אַנדערש. דאָס קלינגען פון אַ ייִדישן אָרקעסטער איז דאָ פילפלאַנעוודיק. דער קאָמפּאָזיטאָר מאָלט דעם שטייגער פונעם שטעטל, אין וועלכן עס קומט פאָר די האַנדלונג, שאַפט אַ מוזיקאַלישע און פּסיכאָלאָגישע אַטמאָספער, אַפן פאָן פון וועלכער ס'אַנטוויקלט זיך דער סוזשעט. גלײַכצײַטיק מאָלט ער די כאַראַקטערן פון די העלדן — פון שאַכקעסן, ראָטשילדן, צומאָל פון בראָנזען. און לעסאָף, די מוזיק פונעם ייִדישן אָרקעסטער ווערט אַ פּסיכאָלאָגישער אונטערטעקסט פון דער אָפּערע, אַ קלאַנגען־עקוויוואַלענט פון איר אידיי. אַף אַזאַ פאָן אַנטוויקלט זיך די קולמינאַציע פון דער דראַמע. דערבײַ דאַרף מען ניט מיינען, אַז דער קאָמפּאָזיטאָר פאַרשפּאַרט זיך אינעם קאָלאָריט פון דער ייִדישער אינטאָנאַציע. זײַן מוזיק אין דער אָפּערע איז ניט קיין עטנאָגראַפּישע פאָרשונג פונעם ייִדישן פאָלקלאָר. שטריכן פון דער אינטאָנאַציִעלקייט, פונעם ריטם, פון דער עצעם מאַניר פון דער ייִדישער מוזיצירונג זײַנען אײַנגעשלאָסן אינעם קאָנטעקסט פון דער הײַנטצײַטיקער מוזיקאַלישער שפּראַך, און אַף אַזאַ אויפן דערגרייכט דער קאָמפּאָזיטאָר אַ פּסיכאָלאָגישן עפעקט.

פליישמאַן געפינט אין דער באַהעפטונג פון די פאָלקלאָר־אינטאָנאַציעס מיט דעם פּראָפעסיאָנעל־קאָמפּאָזיטאָרישן דענקען אַזאַ מוזיקאַלישע קעגנזײַטיקע פאַרבינדונג, וועלכע דערמעגלעכט בוילעט אַרויסצוווײַזן דעם גרונט־געדאַנק פון דער אָפּערע, וועלכע ווערט אויסגעדריקט אין די ווערטער פון איר העלד: „ווען ס'וואָלט ניט געווען קיין בייז און קיין סינע, וואָלטן די מענטשן געהאַט איינער פון דעם אַנדערן אַ קאָלאָסאַלע נוץ און וואָלטן געוווּסט פון אַזאַ גליק, וואָס זיי האָבן עס אַפילע אין כאָלעם ניט געזען. און דעמלט וואָלט דער פידל געזונגען אַנדערע לידער, און די ווערבע וואָלט געהערט יענע נײַע לידער. דאָס וואָלטן געווען לידער וועגן גליק, וועלכן בראָנזע האָט ניט געוווּסט און ניט געהערט אַפילע אין כאָלעם...” די אָפּערע פאַרענדיקט זיך מיט פידל־שפּיל, מיט פליישמאַנס לייט־פידל, וואָס שפּילט די אומעטיקע מעלאָדיע פון אַ טרויעריקן „פרייליכס”.

די אָפּערע „ראָטשילדס פידל" איז בעמעשעך פון פיל יאָרן געווען פאַרגעסן, זי האָט אָבער אויסגעהאַלטן אזא הארבן אויספּרוּוו פון דער צייַט. אויך איצט האָט זי ניט אָנגעווירן איר פרישקייַט און קלינגט אזוי, פונקט ווי זי וואָלט אָנגעשריבן געוואָרן הייַנט. דעם 20 יון 1960 האָט די אָפּערע צום ערשטן מאָל אינגאנצן אויסגעפילט אינעם קאָמפּאָזיטאָרן־פאַרבאַנד פון פססר א גרופּע אַרטיסטן פון דער מאָסקווער פילהאַרמאָניע. אָט אזוי איז זי געבוירן געוואָרן דאָס צווייטע מאָל.

...אין די טעג פון דער לענינגראַדער בלאָקאַדע איז ווענ:אַמין פליישמאַן פרייַוויליק אוועק אין דער אָפּאָלטשעניע. לויטן געזונט־צושטאַנד האָט ער געהאַט פולע רעכט צו בלייַבן אינדערהיים. ער האָט אָבער אפילע ניט געטראַכט וועגן דעם. דעם 5 יול 1941 האָט ער איינער פון די ערשטע אַרייַנגעטראָגן זייַן פאַמיליע אין דער רעשימע פון די קאָמיוגיסטן, וועלכע גייען פרייַוויליק אוועק אפן פראָנט. אין א קליינינק פאָטשטקאַרטל, אדרעסירט צו זייַנען נאָענטע, האָט ער געשריבן:

„טייַערע! איך האָב אָנגעגעבן א מעלדונג אין מיליטערישן קאָמיסאַריאַט, מע זאָל מיך פאַרעכענען אלס פרייַוויליקן אין דער רויטער ארמיי. אזעלכע מעלדונגען זייַנען בא אונדז אין דער קאָנסערוואַטאָריע געווען א סאך..." דער לעצטער בריוו צו די נאָענטע איז אָנגעקומען פון קראַסנאָיע סעלאָ. דער קאָמפּאָזיטאָר־שלאַכטמאַן האָט געשריבן, אז ער גרייט צוזאַמען מיט זייַנע כאַוויירים „מאַטאָנעס פאַרן סוינע".

די געשעענישן פון פליישמאַנס לעצטע וואָכן און טעג האָבן זיך אַנטוויקלט אף אזא אויפן. אַלע קאָנסערוואַטאָרצעס האָט מען אָנגענומען אין אָפּאָלטשעניע פונעם אָקטיאַבערישן ראַיאָן פון לענינגראַד. עס זייַנען געשאַפן געוואָרן שטאָט־פעסטונגען. די אָפּאָלטשענצעס האָבן געבויט דאָטן. דער טייל, אין וועלכן ס'איז אַרייַנגעגאַן פליישמאַן, האָט זיך געפונען אינעם רוסקאָ־וויסאָצקער באַפעסטיקטן ראַיאָן. פליישמאַן האָט אקשאָנעסדיק זיך געגרייט צו די פאָרשטייענדיקע שלאַכטן. אויספירלעך דערלערנט דאָס געווער. איינצייַטיק האָט ער רעדאַגירט די קאָמיוגישע פראָנט־צייַטונג.

פליישמאַן און אַנדערע לענינגראַדער קאָמפּאָזיטאָרן — גאַגלאָיעוו און קאַטאַקין — האָבן זיך אין יענעם טאָג געפונען אין א דאָט, וואָס האָט באַוואַכט דעם וועג אף לענינגראַד. די פאַשיסטן פון א מעכאַניזירטער קאָלאָנע זייַנען ניט כּוישעד געווען, אז עס דערוואַרט זיי א געפאַר און זייַנען געקראָכן, ניט אָפּשטעלנדיק זיך פאַר גאָרניט. אָבער ווען זיי זייַנען געקומען צום וועג, האָבן

זיי זיך אָנגעשטויסן אפן פײַער פון דעם קעגנטאנקען־געווער אינעם דאָט. דעמלט האָבן זיי באשלאָסן אים פארניכטן... די שלאכטלײַט פונעם באלאגערטן דאָט האָבן זיך געשלאָגן מיטן סוינע ביזן לעצטן אָטעם. מיט טראסירנדיקע קעגנטאנקען־קוילן האָבן די פאשיסטן באשאָסן דעם דאָט און אים אופגעריסן...

דערמאָנענדיק וועניאמין פליישמאנען און נאָך איין אויסגעצייכנטן יונגן קאָמפּאָזיטאָר — באָריס האָלצן, וועלכער איז אויך אומגעקומען אף דער מיל־כאָמע, — שרײַבט ג. וו. סווירידאָוו פאָלגנדעס: „אונדזער מוזיקאלישער דאָר פילט דעם פארלוסט פון אָט די צוויי מענטשן. דאָס זײַנען געווען שעפער פון א דער־הויבענעם נעשאָמע־געבוי, זיי האָבן מיט יירּאס־האקאָווּעד זיך באצויגן צו קונסט. פון אָט דעם דאָר קאָמפּאָזיטאָרן איז וועניאמין פליישמאן געווען דער סאמע טאלאנטירטער...”

א וועטעראַן פון דער ייִדישער מוזיקאַלער קולטור

דער פאַרדינסטפולער קונסט־טוער פון רספסר זינאָוי קאָמפאַנייעץ ציילט שוין פון לאַנג זײַן נײַנטן יאָרצענדליק, נאָר ווײַניק מענטשן אין אָט דעם עלטער האָבן פאַרהיט אין זיך אַזאַ אָפּטימיזם, לעבנס־ענערגיע און, דעריקער, אַזאַ שעפֿערישע אַקטיווקייט, וואָס שטעלט אַוועק ז. קאָמפּאַנייעצן אין איין ריי מיט הײַנטצײַטיקע און יונגע, — איך האָב זיך ניט טויע געווען — יונגע קאָמפּאָזיטאָרן.

זינאָווי קאָמפּאַנייעץ איז אין איין עלטער מיט אונדזער יאָרהונדערט, ער איז אַ לעבעדיקער טרעגער פון דער מוזיק־געשיכטע, אַן אָנטיילנעמער אין דער אַנטשטייונג און אַנטוויקלונג פון דער יונגער סאָוועטישער מוזיקאַלער קולטור. מיט אַ שאַרפן כוש צו די צײַט־פּראָבלעמען איז ער דורכגעגאַנגען דעם וועג פון אַן אַקאָמפּאַניאַטאָר ביז אַן אָנערקענטן קאָמפּאָזיטאָר — אַ מעכאַבער פון פילצאָליקע ווערק אין פאַרשיידענע זשאַנרען פון עסטראַדע און פאָלקס־מוזיק. אין דער מוזיקאַלער ליטעראַטור ווערט ער אָפּגעמערקט אַלס באַוווּסטער אַווטאָר פון מוזיק פאַר קינדער, ווי אויך אַלס מײַסטער פון דער עסטראַדע־ליד. ער האָט אָנגעשריבן מוזיק פאַר פאַרשיידענע אינסטרומענטן און פאַר אַן אָרקעסטער. זײַנע מעלאָדיעס האָבן געקלונגען, אָנהייבנדיק פון די 20־ער יאָרן און ביז דעם הײַנטיקן טאָג. פונקט ווי פריִער, רופט קאָמפּאַנייעצעס מוזיק אַרויס אַ לעבעדיקן אינטערעס בײַ די צוהערער מיט איר פריידיקער שטימונג, וועלכע איז אין איינקלאַנג מיט דער הײַנטצײַטיקייט, מיט יונגקייט און אָפּטימיזם.

ווי יעדער מײַסטער, האָט זינאָווי קאָמפּאַנייעץ אַ הויפּט־טעמע אין זײַן שאַפונג, וואָס עס איז דער לייטמאָטיוו פון זײַן גאַנץ לעבן. אַזאַ איז די טעמע פון דער ייִדישער מוזיק, פון דער נאַציאָנאַלער קולטור, וועלכע איז אויסגעדריקט אין דער ליד, אינעם טאַנץ, אין דער אָרקעסטער־פאָרם. פון קינדווײַז אָן איז ז. קאָמפּאַנייעץ געווען פאַרבונדן מיט דער ייִדישער מוזיק.

אין עלטער פון נײַן יאָר, אין 1911, איז זינאָווי קאָמפּאַנייעץ געוואָרן באַהעפט צו דער ייִדישער מוזיק. אים האָט גענומען צו זיך קיין פּעטערבורג זײַן פעטער, דעמלט אַ סטודענט פון דער קאָמפּאָזיטאָר־אָפּטיילונג אין דער פּעטערבורגער קאָנסערוואַטאָריע. (גריגאָרי איסאַקאָוויטש קאָמפּאַנייעץ, אַ היי־

סער פאַרערער פון ייִדישער מוזיק, איז אין די שפּעטערע יאָרן באַוווּסט געוואָרן אַלס אַפּערע־דיריזשאָר און פּראָפעסאָר פון דער קיִעווער קאָנסערוואַטאָריע.) פונקט אין יענער צײַט, אין ערשטן יאָרצענדליק פון דעם XX יאָרהונדערט, איז אין פּעטערבורג געווען טעטיק די „געזעלשאַפט פון ייִדישער מוזיק". אַקטיוויסטן אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט זײַנען געווען די דעמאָלט באַוווּסטע מוזיקער: מילער, זשיטאָמירסקי, קיסעלהאָף, שאַליט, קאָפּיט, ראָזאָווסקי. דער יונגער זינאָווי קאָמפּאַנייעץ האָט געהאַט די מעגלעכקײַט צו באַזוכן די פאַרזאַמלונגען פון דער געזעלשאַפט, און דאָס איז געווען פאַר אים די ערשטע שול, וועלכע האָט אַנטוויקלט זײַן מוזיקאַליש דענקען, באַזונדערס אין פּראַט פון ייִדישער מוזיק. כּוץ דעם, זײַנען די טירן פון זײַן פּעטערס הויז געווען אָפן פאַר ייִדישע זינגער, פידלער, שווישפּילער. דאָס ייִנגל האָט דורשטיק זיך אײַנגעהערט אין די נײַע קלאַנגען און ריטמען, אײַנגעזאַפּט אין זיך דעם אייביקן נוסעך, וועלכער האָט זיך פאַר אים אַנטדעקט אין די ייִדישע פאָלקסלידער און אין די קלאַסישע ווערק פון ייִדישער מוזיק.

אין 1920, לעבנדיק שוין אין באַקו, וווּהין ער איז אַריבערגעפאָרן פון פּעטערבורג, האָט ער צופעליק זיך אָנגעשטויסן אויף אַ זאַמלונג לידער פון דער באַוווּסטער זינגערן אָליעניִנאַ־דאַלהיים, און דאָרט האָט ער, צווישן אַנדערס, געפונען צוויי לידער — „קאַדיש" און „מײַערקע, מײַן זון", — אין דער באַאַרבעטונג פון מאָריס ראַוועל. צום ערשטן מאָל האָט זיך דער יונגער מוזיקער באַקאַנט מיט אויסגעשפּראָכן נאַציאָנאַלע שאַפונגען פון אַ גאָר הויכער מאַדרייגע, בפרט נאָך אין דער באַאַרבעטונג פון דעם גרויסן פראַנצויזישן קאָמפּאָזיטאָר. די הויכע טעכניק און די אייגנאַרטיקע שפּראַך פון דער האַרמאָניע האָבן געהאַט זייער השפּעה אויפן פּערזענלעכן סטיל פונעם קינפטיקן קאָמפּאָזיטאָר און זיי זײַנען געוואָרן אַן עטאַלאָן פון הויך־קינסטלערישן צוגאַנג באַם באַזיניקן ייִדישע פאָלקס־מוזיק.

אין באַקו האָט פאָרגעזעצט די שעפערישע טעטיקײַט זײַן פעטער — גריגאָרי איסאַקאָוויטש קאָמפּאַנייעץ. ס'איז געוואָרן פּאָפּולער ג. אי. קאָמפּאַנייעצעס באַאַרבעטונג פון ייִדישע פאָלקסלידער, צווישן זיי דער כאָר „אַ רעגנדל". דער יונגער זינאָווי פלעגט בײַזײַן אויף די רעפּעטיציעס פון זײַן עלטערן קאָרעוו, אָפט אים אונטערהעלפן אין דער אַרבעט און אַמאָל אויך פּרוּוון די אייגענע קאָמפּאָזיטאָרישע מעגלעכקײַטן.

זײַן זעלבשטענדיקע טעטיקײַט הייבט זיך אָבער אָן ערשט אין מאָסקווע, וווּהין ער איז געקומען אין 1922. ס'האָט זיך ניט לאַנג צוריק געענדיקט דער

בירגערקריג. אין לאַנד בושעוועט די אַרבעטלאָזיקייט. עס איז טעטיק אַן אַרבעטס־בירזשע. קיין מאָסקווע איז אָנגעלאָפֿן אַ מענגע מוזיקאַנטן, צווישן זיי אויך ייִדישע, פֿון אוקראַיִנע, פֿון ווײַסרוסלאַנד, פֿון דאַרעם־רוסלאַנד, פֿון קאַווקאַז. ווי אַזוי שלאָגט מען זיך דאָ דורך, אַז די שטאָט ווימלט מיט אַרטיסטן און מוזיקער?

ס'איז די צײַט פֿון נעפּ — אין מאָסקווע עפֿענען זיך אַ סך פּריוואַטע רעסטאָראַנדלעך, קאַפֿעען און גאַרקיכן. אין די ייִדישע רעסטאָראַנען איז אײַנגעפֿירט, ס'זאָל שפּילן אומבאַדינגט אַ קליינער אָרקעסטער פֿון פֿיר־פֿינף מענטשן. די דאָזיקע אָרקעסטערלעך האָבן צוגעצויגן מוזיקאַנטן, צווישן זיי ניט ווייניק טאַלאַנטפֿולע. אַזאַ איז געווען דער פֿידלער באַרסקי. ער האָט ניט געקענט קיין נאָטן, נאָר געשפּילט האָט ער הונדערטער ייִדישע מעלאָדיעס, מיט וועלכע ער פֿלעג באַגײַסטערן די צוהערער. זינאָווי קאָמפּאַנייעץ האָט מיט פֿאַרגעניגן אים אַקאָמפּאַנירט אויפֿן קלאַוויר, צופּאַסנדיק דאָ אויפֿן אָרט די געהעריקע האַרמאָניע, דעם אַקאָמפּאַנעמענט. באַרסקי און אַנדערע אײַגנאַרטיקע מוזיקאַנטן האָבן, ניט געקוקט אויף זייער „דילעטאַנטיזם", געטראָגן אין זיך די דורותדיקע טראַדיציעס פֿון דער ייִדישער נאַציאָנאַלער מוזיק, און וווּ זיי האָבן ניט געשפּילט, פֿלעגן זיי פֿלאַנצן זוימען פֿון ייִדישער קולטור. די דאָזיקע טראַדיציעס פֿון דער ייִדישער מוזיק האָבן געהאַט אַ וועזנטלעכע ווירקונג אויף אַ סך קאָמפּאָזיטאָרן־פּראָפֿעסיאָנאַלן, בעסוכעם אויף זינאָווי קאָמפּאַנייעצן.

אײַנצײַטיק באַקאַנט זיך דער יונגער מוזיקאַנט מיט ערנסטער פּראָפֿעסיאָנעלער ייִדישער מוזיק. אַ שטאַרקע ווירקונג אויף זײַן אַנטוויקלונג אַלס קאָמפּאָזיטאָר האָט, ווי פֿריִער, גריגאָרי איסאַקאָוויטש קאָמפּאַנייעץ, וועמענס נײַ ווערק, די אַנדאַנטע פֿאַר אַ סטרונע־קוואַרטעט (1925), איז געוואָרן אַ געשעעניש אין דער ייִדישער מוזיק פֿון יענער צײַט. ס'איז אינטערעסאַנט אָפּצומערקן, אַז די דאָזיקע מוזיק האָט צום ערשטן מאָל אויסגעפֿילט אין קליינעם זאַל פֿון דער מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע דער שפּעטער באַרימטער קוואַרטעט אויפֿן נאָמען פֿון בעטהאָווענען.

ז. קאָמפּאַנייעץ נעמט אָן אַ באַשלוס צוטרעטן צו סיסטעמאַטישער מוזיקאַלער בילדונג, קעדיי שאַפֿן מוזיקאַלע ווערק מיט ייִדישער טעמאַטיק אויף אַ הויכן פּראָפֿעסיאָנעלן ניוואָ.

נאָכן אָפּדינען אין דער אַרמיי קומט ער אָן אין קאַפּעלמייסטער־קלאַס אונטער דער אָנפֿירונג פֿונעם קאָמפּאָזיטאָר און דיריגענט סעמיאָן אַלעקסאַנדראָוויטש טשערנעצקי. דער קאָנטאַקט מיט אָט דעם גרויסן מוזיקער האָט גע־

בראכט צו דעם, אז אין 1926 האָט ז. קאָמפּאַנייעץ אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען און איז פאַרעכנט געוואָרן אָפּן קאָמפּאָזיטאָרן־פאַקולטעט אין דער מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע. זײַן לערער איז געווען איינער פון די גרעסטע קאָמפּאָזיטאָרן פון יענער צײַט — רודאָלף מאַריצאָוויטש גליער. אזוי האָט זיך פאַר ז. קאָמפּאַנייעצן געעפנט דער וועג צו סיסטעמאַטישער פראָפעסיאָנעלער מוזיקאַלישער בילדונג. אין דער קאָנסערוואַטאָריע טיילט ער זיך אויס ניט נאָר אלס קאָמפּאָזיטאָר, נאָר אויך ווי א פּיאַניסט.

א באַדײַטנדיקער קערפּונקט אין ז. קאָמפּאַנייעצעס שעפערישן לעבן איז געווען זײַן באַגעגעניש און שפּעטערדיקע מיטאַרבעט מיטן אזויגערופענעם „פּראָקאָל" — פּראָלעטאַרישן קאָלעקטיוו פון סטודענטן־קאָמפּאָזיטאָרן בײַ דער מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע.

איינע פון די הויפּט־פאָדערונגען צו די מיטגלידער פון „פּראָקאָל" איז געווען — באַהערשן די פּאָשעטע (ניט פּרימיטיווע!) מוזיקאַלישע שפּראַך — א פאַרשטענדלעכע פאַרן פאָלק. יעדער יונגער קאָמפּאָזיטאָר האָט געדאַרפט שאַפן לידער, צוגענגלעכע צום מאַסעווון צוהערער, און דערבײַ זײַן אויף דער הייך פון דער פּראָפעסיאָנעלער מוזיקאַלישער קולטור.

— מיר דאַרפן שאַפן מעלאָדיעס אין סטיל פון די קלאַסיקער און אויך אויסנוצן אין דער פאָלער מאָס נאַציאָנאַלע פאָלקס־מוזיק. דאָס וועט פאַרינטערעסירן סײַ די אויספירער, סײַ די צוהערער, — פלעג זאָגן דיר אָנפירער פונעם קאָלעקטיוו אלעקסאַנדער דאַווידענקאָ, — עס טאָר ניט זײַן קיין איינרײַס צווישן ערנסטער און מאַסעווער מוזיק, אין יעדן ווערק דאַרף מען זיך דערשלאָגן עכטע שעפערישקײַט.

די שעפערישע אײַנשטעלונגען פון „פּראָקאָל" זײַנען געווען נאָענט ז. קאָמפּאַנייעצן, באַזונדערס אין פּראַט פון אויסנוצן די נאַציאָנאַלע פאָלקסשאַפונג. ער האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן זיך אינטענסיוו באַשעפטיקט מיט יידישן פאָלקלאָר. דערבײַ שאַפט ער א נײַעם זשאַנער פון דער יידישער מאַסעווער ליד.

דער „פּראָקאָל" האָט געפירט א ברייטע מוזיקאַלישע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. ער פלעג אײַנאָרדענען קאָנצערטן, אזויגערופענע „געזעלשאַפטלעכע מישפּטים", אויף וועלכע מע האָט אײַנגעלאַדן אָנטיילנעמער פון מוזיקאַלישע אַרבעטער־קרײַזלעך. די אַרײַנגעטראָגענע אויף די באַהאַנדלונגען ווונטשן און די קריטיק פלעג מען שפּעטער באַהאַנדלען אויף די פּראָפעסיאָנעלע פאַרזאַמלונגען פון „פּראָקאָל". ווי פיל זײַנע כאַווירים, האָט ז. קאָמפּאַנייעץ אויך באַשלאָסן גיין אַרבעטן אין א קלוב, קעדיי אין דער פּראַקטישער טעטיקײַט, אין באַריר

מיט די געברויכער פון מוזיק, פעסטשטעלן, אַף וויפל ס'איז עפעקטיוו זייַן שאַפונג. אין 1929 יאָר קומט ער אָן אַלס מוזיקאַלישער אָנפירער אין יידישן אַרבעטער־קלוב „קאָמוניסט".

דער דאָזיקער קלוב (ער האָט זיך געפונען אין מאָסקווע, אַף ליעסנאיא, לעבן דער גאָרקי־גאַס) האָט פאַרייניקט עטלעכע סעקציעס. מיט דער טעאַטראַלער סעקציע האָט אָנגעפירט עפראַיִם לויטער, וועלכער האָט דאָרט אוועקגעשטעלט די פיעסע „צו הונדערטער זאוואָדן". די מוזיק אין דעם ספּעקטאַקל האָט אָנגעשריבן זינאָווי קאָמפּאַנייעץ (שפּעטער איז די דאָזיקע פּאַרטיטור געוואָרן די דיפּלאָם־אַרבעט פונעם קאָמפּאָזיטאָר אין דער מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע). דער ספּעקטאַקל, וואָס איז געגאַנגען אַף יידיש, איז באַגלייט געוואָרן מיט אָרקעסטער־מוזיק און כאָר־דעקלאַמאַציעס און דעריקער מיט מאַסעווע לידער, ספּעציעל אָנגעשריבענע פאַר דער יידישער אַרבעטער־יוגנט. באַזונדערס פּאָפּולער איז געווען די סאָלדאַטישע ליד אַף די ווערטער פונעם רוסישן פּאָעט סעמיאָן קירסאַנאָוו וועגן דער יידישער יוגנט, וואָס גייט אוועק אפן פראָנט זיך שלאָגן מיט די ווייַספּאָליאַקן. אין דער זעלבער צייַט האָט זינאָווי קאָמפּאַנייעץ אָנגעשריבן מוזיק צו צוויי מאַסעווע לידער אַף די ווערטער פון איזי כאַריק און איציק פעפער.

אויך צו די ספּעקטאַקלען פון יידישע „טראַמען" (טעאַטערס פון אַרבעטער־יוגנט) האָט ז. קאָמפּאַנייעץ געשריבן מוזיק, צווישן וועלכער ס'האָט זיך אויסגעטיילט די מוזיק צו מ. דאַניעלס פּיעסע „זיאַמקע קאָפּאַטש" (שפּעטער איז די פּיעסע געגאַנגען אַף רוסיש אין טעאַטער אפן נאָמען פונעם מאָסקווער סאָוועט).

אין די 30־ער יאָרן זייַנען זינאָווי קאָמפּאַנייעצעס מוזיקאַלישע ווערק אַרויסגעגעבן געוואָרן אין צענטראַלן פאַרלאַג „מוזגיז". צווישן אַנדערע זייַנען אין אָט די העפטן געווען געדרוקט די לידער וועגן דער יידישער קאָלווירטישער באַוועגונג אין קרים — „דזשאַנקוי", „האַרבסט", „אין קאָלווירט", „אַלע פּראָלעטאַריער" — מאַסעווע לידער אַף די ווערטער פון איציק פעפער, אַרן קושניראָוו, מוישע טייף, יעכעזקל דאָברושין. אין 1935 איז אַרויס פון דרוק אַ נייַע אַרבעט פון ז. קאָמפּאַנייעצן — דער העפט פון יידישע „אַ קאַפּעלאַ" אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען „דאָס 1905 יאָר". דאָס זייַנען געווען אָריגינעלע וואָקאַלע ווערק אַף דער טעמע פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע. דעם ציקל לידער „דאָס 1905 יאָר" האָט אויסגעפילט אַף יידיש דער וואָקאַלער אַנסאַמבל אין באַשטאַנד פון ציאַנסקי, זיידנער און באַרקאַן.

ניט ווייניק מוזיקאלישע ווערק אף דער יידישער טעמאטיק שרייבט ז. קאָמפּאנייעץ אין די פארמילכאָמעדיקע און מילכאָמע־יאָרן. זיי ווערן אויסגעפילט מיצאד יידישע מוזיקאלישע קאָלעקטיוון. אין קיעוו איז פאר דער מילכאָמע געווען א „קלעזמער־אָרקעסטער" אונטער דער אַנפירונג פון שלוימע פיינטוך. ז. קאָמפּאנייעץ האָט אָנגעשריבן פאר דעם דאַזיקן קאָלעקטיוו זיין אָרקעסטער־סויטע „א יידישע כאסענע". אינטערעסאנט איז דער גוירל פון אָט דעם דאָזיקן ווערק. דער קאָמפּאָזיטאָר האָט עס אין מעשעך פון א ריי יאָרן איבערגעארבעט און באדייטנדיק אנטוויקלט. אין 1979, אין העכער פיר יאָרצענדליער נאָך דעם, ווי ס'איז געשאפן געוואָרן, איז עס ווידער אופגעקומען פאר דער סאמע ברייטער אלפארבאנדישער אאודיטאָריע. אונטערן נאָמען „ראָפּסאָדיע אף יידישע טעמעס" האָט דאָס ווערק געשפּילט אין גרויסן זאל פון דער מאָסקווער קאָנסערוואטאָריע אף אן אָוונט דער גרויסער אקאדעמישער סימפאָנישער אָרקעסטער, דיריזשירט האָט דער פאָלקס־ארטיסט פון פססר יעווגעני סוועטלאנאָוו.

אין אָנהייב פון די 60־ער יאָרן פארבינדט זיך אן ענגע מיטארבעט צווישן ז. קאָמפּאנייעצן מיט די סאָוועטישע יידישע דיכטער ארן ווערגעליס און כאיםביידער. די מוזיק אף די לידער פון א. ווערגעליס און כ. ביידער זיינען געווען געדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאנד". ראָמאנסן אף די ווערטער פון א. ווערגעליסן זיינען שפּעטער ארויס אין א באזונדער אויסגאבע אין פארלאג „מוזגיז". צווישן זיי האָט זיך אויסגעטיילט מיט א טיפּיש־יידישער ווייכער אינטאָנאציע די מוזיק אפן ראָמאנס „שאָלעם־אלייכעם".

ס'איז אויך ארויסגעגעבן געוואָרן א פּלאטע „וואָקאלע מיניאטיורן" פון ז. קאָמפּאנייעצן אף די לידער פון א. ווערגעליסן. די ליד „איך — דער סאר האמאשקים" איז געשאפן אינעם זשאנער פון א „פריילעכס", מיט א דראמאטישמוזיקאלן אינהאלט. א טיפּישע מילכאָמע־באלאדע איז „דאָס יידישע מיידל מאָרוסיע", הייַנטצייַטיק קלינגט די עסטראדע־ליד „וואַרעמע ווינטן", פּאָפּולער איז געוואָרן די ליד „דער יידישער וואלס", וועלכע האָט באהעפט הייַנטצייַטיקע אינטאָנאציעס מיט אָנגענעמע אויסדרוקן פון „רעטראָ".

אין די 70־ער יאָרן, ווי אויך אין דער לעצטער צייַט, שרייבט ז. קאָמפּאנייעץ מוזיק אף די ווערטער פונעם דיכטער כאים ביידער. אין 1983 האָט דער פארלאג „סאָוועטסקי קאָמפּאָזיטאָר" ארויסגעלאָזט ז. קאָמפּאנייעצעס א זאמלונג לידער, אין וועלכער ס'איז אריין איינע אף די ווערטער פון כאים ביידער — „מאָסקווער גאסן". אף כאים ביידערס טעקסטן האָט דער קאָמפּאָזיטאָר געשאפן

אן אָרקעסטער־סויִטע, וועלכע הייסט „כאסענע־סצענעס", געווידמעט דעם 50־יאָריקן יובילײ פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט. די דאָזיקע פּאָפּולערע סימפאָנישע מוזיק אנטהאלט מארשן, טענץ און שארפזיניקע סקערצאָ.

אף דער אלפארבאנדישער ראדיאָ איז פארשריבן געוואָרן נאָך איין אינסטרומענטאל ווערק פון ז. קאָמפּאנייעצן, אויך געווידמעט דעם יובילײ פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט — די קאפּריטשיאָ פאר א פידל־סאָלאָ. די מוזיק איז געבויט ווי א פאנטאזיע אף באוווּסטע ייִדישע פאָלקסלידער — „אָ, זײַט געזונט, מײַנע ליבע עלטערן", „איציקל" און אנד. אין דער ווירטואָזער אויספירונג אף א פידל קלינגען די פאָלקסלידער מיט א נײַער און פרישער באטאָנונג. לויט זייער נאָכאנאנדיקײַט אין א געוויסן סיידער באקומט זיך א ראפּסאָדיע פון נאציאָנאלע ניגונים.

אין זײַנע באארבעטונגען פונעם פאָלקלאָר באמיט זיך ז. קאָמפּאנייעץ צו אנטפלעקן דעם „אונטערטעקסט", דעם טיפן מוזיקאלישן זין פון יעדן ניגן. אײנײנעם מיט זײַנע אָריגינעלע לידער (צווישן זיי די ליד „אף ביראָבידזשאנער ערד") האָט די אלפארבאנדישע ראדיאָ פארשריבן א ריי באארבעטונגען פון ייִדישע פאָלקסלידער.

מיט דער טעטיקײַט אלס קאָמפּאָזיטאָר שעפּט זיך ניט אויס דער בײַטראָג פון ז. קאָמפּאנייעצן אין דער סאָוועטישער ייִדישער קולטור. ער איז אן אקטיווער פּובליציסט, אן אווטאָר פון פיל ארטיקלען וועגן מוזיק און מוזיקאנטן, וועלכע זײַנען דערשינען אין זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד". קאָמפּאנייעץ אינטערעסירט זיך מיט אלץ, וואָס איז שײַך דער ספערע פון נאציאָנאלער ייִדישער מוזיק הײַנט־צו־טאָג — מיט דער שאפונג פון קאָמפּאָזיטאָרן, מיט קאָנצערטן, היסטאָרישע פאָרשונגען און וויסנשאפטלעכע זוכונגען. שטענדיק איז זײַן אקטיווע פּאָזיציע געצילט צו דער ווײַטערדיקער אנטוויקלונג פון דער סאָוועטישער ייִדישער קונסט.

...איך האָב באזוכט זינאָווי קאָמפּאנייעצן אין עטלעכע טעג ארום נאָך דעם, ווי אים איז צוגעייגנט געוואָרן דער ערן־טיטל פארדינסטפולער קונסט־טוער פון רספסר. אפן ראָיאל זײַנען געלעגן נאָטן פון נײַע ראָמאנסן, באארבעטונגען פון פאָלקסלידער, פרישע מאגניטאָפאָן־טאשמעס, דיקע פּאפּקעס נאָטן. ניט געקוקט אף זײַן טיפער עלטער, איז דער קאָמפּאָזיטאָר פול מיט שעפערישע פּלענער.

דער קאָמפּאָזיטאָר װלאַדימיר טערלעצקי

צװישן די סאָװעטישע קאָמפּאָזיטאָרן, װעלכע אַרבעטן אין געביט פֿון ייִדישער מוזיק, איז באַזונדערס פּאָפּולער װלאַדימיר טערלעצקי. ניט לאַנג צוריק איז אין קאָנצערט־לאָקאַל פֿונעם קאָמפּאָזיטאָרן־פֿאַרבאַנד פֿון פּססר פֿאָרגעקומען טערלעצקיס שעפֿערישער אָװנט, װעלכער האָט צונױפֿגעזאַמלט אַ פֿולגעפּאַקטן זאַל ליבהאָבער פֿון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער מוזיק און איז דורכגעגאַנגען מיט גרױס דערפֿאָלג. דער סאָד פֿון דער פּאָפּולערקײַט פֿון טערלעצקיס מוזיק שטעקט אין איר הײַנטצײַטיקײַט און סאָציאַלער אַקטועלקײַט, װאָס עס איז אין אײנקלאַנג מיט די פּראָצעסן פֿון דער ייִדישער קולטור. פֿון דער אַנדערער זײַט, זײַענדיק אַן אױסדריקלעכע נאַציאָנאַלע מוזיק, שפּיגלט זי אָפּ ניט נאָר די נאַציאָנאַלע פּסיכאָלאָגיע, דעם נאַציאָנאַלן מוזיקאַלישן געדאַנקענגאַנג, נאָר אױך אין דער פֿולער מאָס די פּראָבלעמען, װעלכע שטײען פֿאַר די מענטשן פֿון דער גאָרער װעלט — די פּראָבלעמען פֿון מילכאָמע און פֿרידן, פֿון אַן אינטערנאַציאָנאַלער שפּראַך פֿון קולטור.

אָבער צוערשט — עטלעכע װערטער װעגן דעם קאָמפּאָזיטאָר גופֿע. װלאַדימיר טערלעצקי געהערט צום מיטעלן דאָר סאָװעטישע קאָמפּאָזיטאָרן. ער איז געבױרן געװאָרן אין מאָסקװע אין 1931. זײַנע עלטערן זײַנען געװען פּראָפֿעסיאָנעלע רעװאָליוציאָנערן. ניט געקוקט אָבער אױף דער פֿאַרנומענקײַט אין דער טאָגטעגלעכער אַרבעט, האָט די מישפּאָכע געשאָנקען גרױס אױפֿמערקזאַמקײַט דער מוזיק. צװישן אַנדערס, דער שטוב־מוזיצירונג. די מוטער האָט ליב געהאַט זינגען ראָמאַנסן און לידער, צװישן זײ איז געװען סײַ מוזיקאַלישע קלאַסיק, סײַ רוסישע און ייִדישע פֿאָלקסלידער. ס׳איז אױסער יעדן ספֿק, אַז די אַלגעמײנע אַטמאָספֿער פֿון דער מוזיקאַלער קולטור, װעלכע האָט געהערשט אין דער מישפּאָכע, האָט אַ שטױס געטאָן דעם קינפֿטיקן קאָמפּאָזיטאָר אױסצוװײלן זײַן פֿאַך.

פֿון די פֿריִע יאָרן און ביז אַ שױן פֿאַרהעלטניסמעסיק רײַפֿן עלטער שטודירט װ. טערלעצקי אין די מוזיקאַלע לערן־אַנשטאַלטן, װעלכע טראָגן דעם נאָמען פֿון די גנעסינס — באַװוּסטע בײַ אונדז אין לאַנד מוזיקאַנטן און פּעדאַגאָגן: צוערשט אין דער שול, שפּעטער אינעם מיטעלן ספּעציעלן רינג, און

לעסאָף אין אינסטיטוט. דער אָנפירער פון דער קאַפעדרע פון קאָמפּאָזיציע איז אין יענער צייט געווען דער גרויסער מוזיקאַנט מיכאַיל פּאַביאַנאָוויטש גנעסין. זיין קלאַס האָבן פאַרענדיקט קאָמפּאָזיטאָרן, מיט וועמענס נעמען עס שטאָלצירט די רוסישע און סאָוועטישע מוזיקאַלע קולטור. מ. גנעסין איז געווען רימסקי־קאָרסאַקאָווס א טאַלמיד, דערביי איינער פון יענע, וועלכע האָבן מיט דער באַוויליקונג פון זייער גרויסן לערער זיך באַשעפטיקט מיט ייִדישער קולטור.

מיכאַיל פּאַביאַנאָוויטש גנעסין האָט געשאָנקען פיל אויפמערקזאַמקייט פאַרשיידענע אַספּעקטן פון דער ייִדישער מוזיק אין אַלע געביטן פון זיין טעטיקייט — אין פּעדאַגאָגיק, פּובליציסטיק, שעפערישער פּראַקטיק. זיינע קאָמפּאָזיטאָרישע זוכונגען, ווי אויך די פילאָסאָפישע אידייען, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין זיין מוזיק, זיינען געווען ענג פאַרבונדן מיט די טראַדיציעס פון דער דוירעסדיקער ייִדישער קולטור.

אונטער דער ווירקונג פון מ. גנעסינען פאַרפעסטיקט זיך באַם יונגן קאָמפּאָזיטאָר טערלעצקי די קאַוואָנע צו ווידמענען זיך דער ייִדישער מוזיק. א וויכטיקע ראָל האָט דאָ געשפּילט אויך איינער פון טערלעצקיס קרוווים — הערץ ראָדשטיין, א מוזיקאַליש־געבילדעטער מענטש, וועלכער האָט אויסגעצייכנט געקענט די ייִדישע קולטור און שפּראַך. ער האָט באַקאַנט דעם קינפטיקן קאָמפּאָזיטאָר מיט די רייכע טראַדיציעס פון דער ייִדישער ליטעראַטור און קונסט. אזוי איז טערלעצקיס אַנטוויקלונג אַלס מוזיקאַנט דורכגעגאַן אף א פעסטן יעסאָד פון קענטענישן און פון טיפן באַנעמען די אורקוואַלן און טראַדיציעס פון דער ייִדישער קולטור.

ווי יעטווידע אנדערע נאַציאָנאַלע מוזיק, שטעלט מיט זיך פאָר די ייִדישע א ביז גאָר קאָמפּליצירטע פאַרצווייגטע ספערע פון זשאַנרען און פאָרמען. אויסמיידנדיק צו זיין אן אָפּגעשלאָסענע איין מאָל פאַר אַלע מאָל געפורעמטע סיסטעם, איז זי אָפן פאַר איינפלוסן מיצאַד אנדערע קולטורן. זי הערט זיך פילבאַר צו צו פאַרשיידענע אויסדרוקן פון מוזיקאַלישן דענקען — אָנהייבנדיק פון דעם קלאַסישן אייראָפּעישן סטיל, ביז דער הייַנטצייטיקער עסטראַדע.

אזוי האָט פּאַסירט, אז פון קינדווייז אָן האָבן וולאַדימיר טערלעצקין געצויגן צו זיך די עסטראַדע און דער דזשאַז. ער האָט באַזונדערס ליב עסטראַדע־מוזיק — ספּאָנטאַנע, אימפּראָוויזירטע, וועלכע ווערט געבוירן, אזוי צו זאָגן, גלייך אונטער די פינגער. איר צויבער, כיין און טעמפּעראַמענט ריידן אָן און פאַר זיך. דער קאָמפּאָזיטאָר האָט פאַר דער עסטראַדע אָנגעשריבן א סאַך אָריגינעלע ווערק, ווי אויך מוזיק פאַר קינאָ, טעאַטער, צירק. מיט עלעמענטן פון

„לײַכטער" מוזיק — אין בעסטן זין פון וואָרט — זײַנען דורכגעדרונגען אויך זײַנע ייִדישע ווערק.

א ברייטן אָפּקלאנג אין דער מוזיקאלער וועלט האָט באקומען וולאדימיר טערלעצקיס צווייטע ייִדישע סויִטע פאר אן אָרקעסטער, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן אין 1970. ס'איז נאָך פריש אין זיקאָרן דער שטארקער אײַנדרוק, וואָס עס האָט געמאכט זײַן ערשטע ייִדישע סויִטע, וועלכע האָט זיך באזירט פולקום אף פאָלקלאָר־מאטעריאל. מע איז שוין געוווינט, אז עס פילט זי אויס הויפּטזאכלעך דער אָרקעסטער, מיט וועלכן ס'דיריזשירט אליין דער קאָמפּאָזיטאָר, און דער נאציִאָנאלער אָפּקלאנג אירער איז שטענדיק ביז גאָר אן אורמיטלבארע. אָבער ווי מאָדנע עס זאָל ניט זײַן, איז „מער ייִדישלעכער" די צווייטע סויִטע, אין וועלכער אלע טעמעס זײַנען אָריגינעל און ס'איז ניטאָ קיין איין פאָלקלאָר־ציטאטע. אין אָט דעם ווערק האָט דעם קאָמפּאָזיטאָר זיך אײַנגעגעבן אופאסן דעם ייִדישן פאָלקס־יעסאָד דורך דעם אייגענעם קינסטלערישן דענקען, דערשלאָגנדיק זיך עכטע וואָרהאפטיקייט אינעם איבערגעבן די פאָלקס־געשטאלטן, כאראקטערס און שטימונגען. די צווייטע ייִדישע סויִטע איז אויסגעפילט געוואָרן אין א סאך לענדער. אין יוגאָסלאוויע איז אף אָט דעם ווערק אוועקגעשטעלט א באלעט פון צוויי אקטן. זי האָט געקלונגען אין פשא, בולגאריע, פראנקרײַך.

זינט טערלעצקי האָט אָנגעשריבן די צווייטע סויִטע זײַנען שוין אוועק קימאט פופצן יאָר. אָט די גאנצע צײַט ארבעט ער א סאך און פרוכטבאר אין פארשיידענע זשאנרען פון דער ייִדישער מוזיק. ער האָט אָנגעשריבן א סויִטע פאר א פידל־סאָלאָ, א ריי פּיעסעס פאר א קלארנעט, עטלעכע פאָרטעפּיאנע־ווערק, וואָס שפּיגלען אָפּ ייִדישע פאָלקלאָר־מאָטיוון. איבערהויפּט אָבער איז די אופמערקזאמקייט פונעם קאָמפּאָזיטאָר קאָנצענטרירט ארום דער וואָקאלער מוזיק. און דאָס איז נאטירלעך, ווײַל די ייִדישע מוזיק, די ייִדישע קולטור איז ענג פארבונדן מיט וואָקאל, מיט געזאנג. געזעצמעסיק איז אויך דאָס, וואָס טערלעצקיס שאפונג אין דער ספערע פון וואָקאלער מוזיק שפּיגלט אָפּ די טענדענץ צו אויסברייטערן דעם אינטערעס, באזונדערס בא דער יוגנט, צו וואָקאלישער מוזיצירונג אף דער ייִדישער שפּראך.

די יוגנט טראָגט ארײַן אין דער הײַנטצײַטיקער מוזיק איר וועלט־שפּירונג. אין געגעבענעם קאָנטעקסט — איר באנעם פון דער ייִדישער קולטור, איר שטימונג. און די דאָזיקע פאָטענצן פון דער נײַער ייִדישער מוזיק כאפּט פילבאר אוף דער קאָמפּאָזיטאָר. זײַן וואָקאלע מוזיק איז ניט נאָר לידער, ראָמאנסן,

װאקאלע מיניאטיורן. דאס איז אויך דאס פילן דעם דויפעק פון דער הײַנטצײַטיקײַט אין דער ספערע פון דער נאציאנאלער און אינטערנאציאנאלער יוגנטלעכער קולטור.

דער יידישער פאלקלאר איז פילארטיק. דאס זײַנען סײַ די דערגאנגענע צו אונדז פון דער טיף פון יארהונדערטער אוראלטע מאטיװן, סײַ די לידער פון מי און קאמף אין די צײַטן פון דער אקטיאבער־רעװאליוציע, סײַ פארשיידענע מינים ריטועלע, לירישע, שפאסנדיקע און אנדערע לידער פונעם יידישן שטייגער מיט אלע זייערע היסטארישע און געאגראפישע באזונדערקײַטן.

אין דער לעצטער צײַט האט זיך האסטיק פארשפרייט, דערונטער אין דער יידישער פאלקס־מוזיק, די ריכטונג, װעלכע מע װאלט געקאנט כאראקטעריזירן אלס שטאטישער פאלקלאר. א גרויסע צאל יונגע מענטשן זײַנען פארכאפט מיט געזאנג אונטערן אקאמפאנעמענט פון א גיטארע, דערבײַ ניט פון אן עלעקטראגיטארע, נאר פון א נאטירלעכער, אדער װי מע רופט זי נאך — אקוסטישער. אין קעגנזאץ צו דער עלעקטרא־ראק־מוזיק האט זיך באװיזן א באדערפעניש צו אויסדריקן נאטירלעכע הארציקע מענטשלעכע געפילן מיט דער הילף פון װאקאלער ליריק אונטערן אקאמפאנעמענט פון א זעקס־סטרוניקער גיטארע. דער ספעקטער פון די שטימונגען איז דא אויסערסט ברייט. אנהייבנדיק פון שטייגער־ליריק ביז פאליטיש־פאטריאטישער טעמאטיק. צװישן אנדערס, זײַנען אין צוזאמענהאנג מיטן מערקװירדיקן יובילײַ פון דעם זיג פון סאװעטנפארבאנד אין דער גרויסער פאטערלענדישער מילכאמע געשאפן געװארן אין פארשיידענע נאציאנאלע סױװעס פאטריאטישע לידער װעגן מילכאמע און פרידן. אזעלכע לידער קלינגען אויך אפט אף יידיש.

װלאדימיר טערלעצקי איז פון יענעם מין קאמפאזיטארן, װעלכע רופן זיך אפ מיט גרייטקײַט אף דעם גײַסט פון דער צײַט. קימאט אלע לידער זײַנע זײַנען אנגעשריבן אדער קאנען אויסגעפילט װערן אונטערן אקאמפאנעמענט פון א גיטארע. דער שטאטישער פאלקלאר — דער סאמע דעמאקראטישער נוסעך אין דער הײַנטצײַטיקער פאלקס־מוזיק — איז נאטירלעך ארײַן אינעם סטיל פון דעם קאמפאזיטארס שאפונגען, דעמאקראטישע אין דירעקטן זין פון װארט. עס קאנען זינגען זײַנע לידער סײַ פראפעסיאנעלע ארטיסטן, סײַ „פאשעט א מענטש”, װאס באזיצט ניט קיין אװעקגעשטעלטע שטים. דערבײַ זײַנען טערלעצקיס לידער אנגעשריבן אף א הויכן קינסטלערישן ניװא, זײַענדיק עכטע שאפונגען פון דער מוזיקאלישער קונסט.

אין דעם האָט מען זיך געקאָנט נאָכאַמאָל איבערצײַגן אַפֿן אויבנדערמאָנטן קאָנצערט. ער איז באַשטאַנען פֿון וו. טערלעצקיס אַנטימילכאָמע־לידער אַף די ווערטער פֿון א. ווערגעליסן. די מיטאַרבעט פֿון ביידע קינסטלער — פֿונעם פּאָעט און פֿון דעם קאָמפּאָזיטאָר — טראָגט אַ לאַנגאָניקן און שטאַנדהאַפֿטיקן כאַראַקטער. באַם אויסוואַל פֿון די טעקסטן צו זײַנע לידער לייגט קעסיידער טערלעצקי אַכט אַף דער בילדערישקײַט פֿונעם פּערז, אַף זײַן שילדערונגס־קראַפֿט, פּראָגראַמאַרטיקײַט, ווי עס דריקן זיך אויס מוזיקאַנטן. ווען די פּאָעזיע שטעלט מיט זיך פֿאָר ניט סטאַם אַן אָנהויפּונג פֿון שיינע סטיליסטישע גענג און פּראָפֿעסיאָנעל אײַנגעפּאַסטע פֿראַזעס, לייגט זי זיך לײַכט אַף דער מוזיק פֿון טערלעצקיס וואָקאַלע שאַפֿונגען. דעם דיכטערס שורע דאַרף האָבן אַ זינלעכן אימפּולס, אַן אינהאַלטלעכע הויפּט־אַקס אינעם פּערז, אַ סאָציאַלן אָפּקלאַנג. אָט די אַלע אייגנשאַפֿטן געפֿינט דער קאָמפּאָזיטאָר אין אַרן ווערגעליסעס פּאָעזיע. די לידער פֿונעם פּאָעט, וועלכע זײַנען געלייגט געוואָרן אין יעסאָד פֿון טערלעצקיס שאַפֿונגען, זײַנען קליינינקע בילדער, אַזוי צו זאָגן — „סצענקעס", אַפֿן גרונט פֿון וועלכע עס אַנטשטייען מוזיקאַלישע אַסאָציאַציעס. אַזאַ איז די דראַמאַטישע באַלאַדע וועגן אַ ייִדיש מיידל — „עסטערקע", — וועלכע איז אַרײַנגעפֿאַלן אין די לאַפּעס פֿון דעם פֿאַשיסטישן מערדער מענגעלע. דער טראַגיזם, די פּאָליאַרישקײַט פֿון דער שיינקײַט און פֿונעם וואַנדאַליזם האָט טערלעצקי איבערגעגעבן אין דער מוזיק פֿון דער באַלאַדע מיט אַן אומגעהייערער קראַפֿט.

וועגן דער אייביקער שיינקײַט פֿון אַ ייִדיש מיידל דערציילט זיך אויך אין אַן אַנדער ווערק פֿון אָט דעם ציקל — אין דער „באַלאַדע וועגן אַ שיינער ייִדישקע":

הינטער דראָטן שטעכיקע, אין צײַטן פֿון אוזאָלפֿן,
אויסגעטאָן דאָס העמד, זי שטייט אַף דער אַקיידע,
און די דײַטשן קוקן, צווישן זיך זייריידן:
„אויגן — טיפֿע קרענעצעס, צוויי געדיכטע צעפּ,
ווען מע טרײַבט זי אונטער,
זשאַלעוועט מען ניט קיין קלעפּ".
סאַראַ שיינע ייִדישקע, שנעלער צו דער גרוב...

אין אָנדענק פֿון די קדושים איז באַשאַפֿן געוואָרן אַ דערהויבענער רעקוויעם, וואָס בעשאַסן אויספּילן אים אַף יענעם קאָנצערט, האָט דער גאַנצער זאַל

זיך אופגעשטעלט אין א טרויעריקן שטילשווייגן (די ליד איז אויסגעפילט געוואָרן אין דער רוסישער איבערזעצונג פון דער פּאָעטעסע יונע מאָריץ) «Скажем слово о евреях, уничтоженных войной»...

באגלייך מיט מילכאָמע־מאָטיוון קלינגען אינעם ציקל לידער וועגן ליבע אויך שטייגער־מאָטיוון. די ליד „צאר לי" האָט באצויבערט מיט דער אופריכטיקייט פונעם אופגעפלאקערטן געפיל:

ס'איז די ליבע זיס ווי א געטראנק
איינער צו דעם צווייטן צוגעזאָגטן.
צאר לי, עס טוט ניט באנג,
צאר לי, כ'האָב ניט כאראָטע...

און דאָ באלד — דאָס עכטע פּאסטאָראלע געזאנג „דער ארויסגאנג פון די שטערן"... א פילאָסאָפיש־דערהויבענער ניגן וועגן דעם אומענדלעך לאנגן וועג צו גליק. „דאָס דודעלע" — אזוי הייסט א ליד וועגן דער קינדהייט, אין וועלכער די אווטאָרן ווענדן זיך צו די געשטאלטן פונעם וויטן, שוין אוועקגעגאנגענעם אָוואר. דער „פּערסאָנאזש" פון דער ליד איז א מיידעלע, וואָס דאנקט אירע פריינט — דעם דודעלע, דעם פויק און דעם פידעלע...

און, פארשטייט זיך, די אלעמען רעגעוודיקע טעמאטיק פון שאָלעם אין דער גאָרער וועלט. די ליד „שאָלעם" איז איינע פון די בעסטע אינעם ציקל. אן אָנגעשריבענע אין א טאנץ־מארשעוון ריטם, איז זי פונקט ווי אויסגערעכנט אף אונטערגעכאפּט ווערן מיצאד א כאָר־מאסע, אף סקאנדירן דעם רעפרען סיי מיצאד די אויספילער, סיי מיצאד די צוהערער. די ליד „שאָלעם" טרעט ניט אָפּ לויט איר סאָציאלן באטייט, לויט דער „אָנשטעקנדיקער" מעלאָדיע די געציילטע אנאלאָגישע לידער, וועלכע זיינען ברייט באוווסט אין דער גאָרער וועלט. אזעלכע, ווי יעווטושענקאָס „צי ווילן די רוסן א קריג", ווי „מיר וועלן בייקומען" פון דין רידס רעפּערטואר, אָדער „דאָס פאריייניקטע פאָלק" פון סערזשיאָ אָרטעגא.

טערלעצקיס לידער, ווי אויך זיין אינסטרומענטאלע מוזיק פון דער לעצטער צייט, אנטוויקלען אף א לאָגישן אויפן די אידיי, וועלכע איז פארלייגט געוואָרן נאָך אין זיין צווייטער יידישער סוויטע. אין זיי איז ניט פאראן קיין עטנאָגראפישער צוגאנג צו דער יידישער מוזיק. דער קאָמפּאָזיטאָר ציטירט ניט דירעקט די פאָלקסלידער. זיין מוזיק אָבער, שוין אָפּגערעדט פון איר אינטאָנאציעלן יעסאָד, איז אן עכט יידישע. אגעוו, מע דארף ניט מיינען, אז דער

ייִדישער כאראקטער פון דער מוזיק קאָן דערגרייכט ווערן, אויסמײַדנדיק אירע פאָלקס־קוואלן. און טערלעצקיס שאפונג דערווײַזט עס באשײַמפערלעך. דער קאָמפּאָזיטאָר קען אויסגעצייכנט די פאָלקס־מוזיק (דער פארלאג „סאָוועטסקי קאָמפּאָזיטאָר" גרייט צום דרוק א זאמלבוך פון ייִדישע פאָלקסלידער, וועמענס צונויפשטעלער און רעדאקטאָר עס איז וו. טערלעצקי).

די הײַנטצײַטיקע ייִדישע מוזיק איז א פילפלאנעווע. אין איר פארנעמט לעצטנס א סטאביל אָרט ערנסטע סימפאָנישע און קאמער־מוזיק.

די ריכטונג, וועלכע ס'האָט אויסגעקליבן וולאדימיר טערלעצקי — דאָס אנטוויקלען ייִדישע נאציאָנאלע טראדיציעס אפן יעסאָד פון דער הײַנטיקער עסטראדע און פאָלקס־מוזיק, — איז איינע פון די וויכטיקסטע. ס'איז אויסער יעדן סאָפעק, אז וואָס פארשיידנארטיקער עס איז די דאָזיקע קולטור, אלץ גרעסערע פערספעקטיוון עפענען זיך אין איר ווײַטערדיקער אנטוויקלונג.

פיר יונגע אַקטיאָרן

פונעם מאָסקווער ייִדישן דראַמאַטישן אַנסאַמבל

אין די לעצטע עטלעכע יאָר האָט דער מאָסקווער ייִדישער דראַמאַטישער אַנסאַמבל געהאַט אַ רעגולערן צופלוס פון יונגע אַרטיסטן, וועמענס שעפערישער וועג האָט זיך אָנגעהויבן אין סאָף פון די 70־ער און אין די 80־ער יאָרן. קימאַט אַלע זײַנען זיי דערצויגלינגען פון מאָסקווער טעאַטראַלע שולן: אַנעטע טאַבאַטשניקאָווע, באָריס קינער, וואַלענטינע סמאָלניקאָווע, נאַטאַליע וואָלקאָווע און נאַדעזשדע פּראָלענקאָ — פון דער טעאַטראַלער שול אָף שטשוקינס נאָמען; אַלעקסאַנדרע גאָרעליק, גריגאָרי קאַהאַנאָוויטש, מעסטאַן סאַפּאַראָוו און מאַרגאַריטע ווישניאַקאָווע — פון דער שול אָף שטשעפּקינס נאָמען. אַלעקסאַנדער טשערנאָוו און גענאַדי אַבראַמאָוו האָבן פאַרענדיקט די שול פונעם מעלוכע־אינסטיטוט פון טעאַטראַלער קונסט (גיטיס).

די אַקטיווע באַטייליקונג פון יונגע אַקטיאָרן אין די שטעלונגען פונעם ייִדישן דראַמאַטישן אַנסאַמבל איז אין אַ גרויסער מאָס פאַרבונדן מיט דעם, וואָס אַ ריי ספּעקטאַקלען איז דירעקט אָריענטירט אָף דער יוגנט, געווענדט צו איר. אַזאַ איז, למשל, „דער ייִדישער אַנעקדאָט" (שטעלונג פון יאַ. גובענקאָ לויט דער פּיעסע פון אַ. ווערגעליס) — אַ שאַרפער פּאָליטישער ספּעקטאַקל, אין וועלכן די יוגנט ווערט אַ פאַראַלגעמיינערט געשטאַלט. אָן דער ווענדונג צו די יונגע זײַנען אויך אומעגלעך אַזעלכע ספּעקטאַקלען פונעם אַנסאַמבל ווי „קאָמעדיאַנטן", „דער דאַמען־שנײַדער" און „טעוויע דער מילכיקער".

נאַטירלעך, אַז די וויכטיקע ראָל, וואָס ווערט אָפּגעפירט די יונגע אַרטיסטן אינעם הײַנטצײַטיקן ייִדישן דראַמאַטישן ספּעקטאַקל, פאָדערט, זיי זאָלן קענען טיף די ייִדישע פאָלקס־קולטור, אַרײַנדרינגען אינעם סאַמע טאָך פון דער נאַציאָנאַלער פּסיכאָלאָגיע. דאָס איז באַזונדערס וויכטיק אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס ניט אַלע אויסגערעכנטע יונגע אַרטיסטן האָבן ספּעציעל דערלערנט די ייִדישע קולטור פאַרן אָנקומען אין ייִדישן טעאַטער. די זאָרג פאַר העמשעכדיקייט, ווען די דוירעסבײַטונג ווערט באַוואָרנט מיטן אָפּהיטן די נאַציאָנאַלע טראַדיציעס, איז אין סאָוועטישן טעאַטער אַ פּרינציפּיעלע און אומבאַדינגט נײַ־

טיקע. די יוגנט, וואָס איז ניט לאַנג צוריק געקומען אין יידישן אַנסאַמבל, געדענקט נאָך די שפּיל פֿון אַזעלכע „טראַדיציאָנעלע" אַלטע אַקטיאָרן, ווי זינאָווי קאַמינסקי, וועלכער איז אַרויסגעטראָטן אויף דער בינע פֿונעם דראַמאַטישן אַנסאַמבל ביז צום אָנהייב פֿון די 80־ער יאָרן. אין די לעצטע ספּעקטאַקלען האָט ער איבערגעגעבן די יונגע שוישפּילער די עסטאַפֿעט, וואָס גייט פֿון שלוימע מיכאָעלסן.

וועגן פֿיר יונגע אַקטיאָרן פֿונעם אַנסאַמבל ווילן מיר דאָ דערציילן, שטעלנדיק זיך אַ ציל צו וואַרפֿן אַ שיין אויף זייער וועג צום יידישן טעאַטער.

אַלעקסאַנדרע גאָרעליק איז געקומען אין דער יידישער בינע־קונסט לויט אַ באַרוף. נאָכן פֿאַרענדיקן די שטשעפּקין־שול, וווּ זי האָט זיך געלערנט באַם פֿאָלקס־אַרטיסט פֿון ּפֿסּסר נ. אַנענקאָוו, האָט זי געהאַט ברייטע מעגלעכקייטן פֿאַר דער אַרבעט אין פֿיל טעאַטערס פֿונעם לאַנד — זי האָט דאָך, זייענדיק נאָך אַ סטודענטקע, מיט דערפֿאָלג געשפּילט ראָיסען אין טשעכאָווס „מעכאַשייפּע", קיין קאָנוויי אין פּריסטליס „די צייט און די משפּחה קאָנוויי", די אַלטע בערטע בעקערמאַן אין אי. ביירס פּיעסע „אינצידענט", ווי אויך אַליסען אין אַרבוזאָווס „מיין כּיעס", — זי האָט אָבער געבעטן, מע זאָל זי שיקן אַרבעטן אין אַ יידישן טעאַטער־קאָלעקטיוו. דער כּיישעק צו שפּילן יידיש טעאַטער איז געוואָרן אַ לאָגישע געזעצמעסיקייט אין דער שעפֿערישער אַנטוויקלונג פֿון דער דאָזיקער אַקטריסע.

א. גאָרעליק איז געבוירן געוואָרן אין אַ טעאַטראַלער משפּחה און שטעלט מיט זיך פֿאָר איר דריטן דאָר. איר פֿאָטער — א. ז. גאָרעליק — אַ באַוווּסטער אָפּערעטע־אַרטיסט, פֿאָלקס־אַרטיסט פֿון דער רעפּובליק, האָט געזונגען אויף דער בינע מער פֿון הונדערט פּאַרטיעס אין די אָפּערעטעס פֿון סאָוועטישע און אויסלענדישע קאָמפּאָזיטאָרן. אין שטוב האָט שטענדיק געקלונגען מוזיק, און ניט בלויז אַריעס פֿון אָפּערעטעס. דער פֿאָטער האָט גוט געקענט און ליב געהאַט אויך יידישע פֿאָלקסלידער. און עלפֿיאָריק מיידעלע, האָט שוין גאָרעליק דאָס ערשטע מאָל געזונגען אינאיינעם מיט איר באָבען „אויפֿן פּריפּעטשעק ברענט אַ פֿייערל", און די דאָזיקע ליד איז טאַקע געוואָרן די ערשטע אין איר קומענדיקן רעפּערטואַר אַלס זינגערן.

מיר האָבן פֿאַרפֿירט אַ רייד וועגן דעם וואָקאַלן רעפּערטואַר ניט צופֿעליק. מע קאָן ברענגען ניט ווייניק ביישפּילן, ווען דראַמאַטישע אָדער קינאָ־אַרטיסטן נעמען אין אַ פֿרייער פֿונעם טעאַטער שעה די גיטאַרע און זינגען אייגענע אָדער

עמעצנס לידער. נאָר אינעם פאַל מיט אַלעקסאַנדרע גאַרעליק איז דאָס גאָר אַן אַנדער מין זינגען.

לאָמיר זיך דערמאָנען שאָלעם־אַלייכעמס „בלאָנדזנדע שטערן": „דו מיט דײַן שפּילן, און דו מיט דײַן זינגען"... דער ייִדישער טעאַטער איז זינט גאָלדפֿאַדענס צײַטן געווען פֿאַרבונדן זייער ענג מיט געזאַנג, דאָס איז געווען אַ באַדײַטנדיקער באַשטאַנדטייל פֿונעם ספּעקטאַקל. רייזל האָט צוגעצויגן די אויפֿמערקזאַמקײַט טאַקע מיט איר זינגען. די ספּעקטאַקלען פֿונעם ייִדישן טעאַטער אין פֿאַרלויף פֿון זײַן גאַנצער געשיכטע ווערן אָנגעפּילט מיט פֿאָלקסלידער, אין וועלכע עס „זינגט" די נעשאָמע פֿונעם פֿאָלק, דעריבער זײַנען אין ייִדישן טעאַטער קימאַט ניט געווען קיין ניט־זינגענדיקע אַקטיאָרן. פֿונעם שטאַנדפּונקט פֿון דער געשיכטע פֿון ייִדישן טעאַטער איז אַן „אַקטריסע, וואָס זינגט", אַ טראַדיציאָנעלע דערשײַנונג אינעם בעסטן זין פֿון וואָרט.

נאָר די טראַדיציע פֿון דער ייִדישער קולטור מיינט אויך אַ צוריק־פֿאַרבינדונג: אויב ס'איז ניטאָ קיין טעאַטער אָן געזאַנג, איז אַליין דאָס אויספֿילן ייִדישע לידער — אַ קליינער ספּעקטאַקל, וואָס פֿאָדערט עכטע דראַמאַטישע באַגאַבונג. דער טאַלאַנט פֿון אַ טעאַטראַלער אַקטריסע אַ זינגערן איז אין דער פֿולער מאָס כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער אַרטיסטקע פֿונעם מאָסקווער ייִדישן דראַמאַטישן אַנסאַמבל אַלעקסאַנדרע גאָרעליק.

די אינטערפּרעטאַציע פֿון אַ פֿאָלקסליד הענגט אָפּ אין אַ גרויסער מאָס פֿונעם אַרט אויספֿילן. מע קאָן זינגען אָן אַן אַקאָמפּאַנעמענט און אין דער באַגלייטונג פֿון אַן אָרקעסטער אָדער פֿון באַזונדערע כאַראַקטעריסטישע אינסטרומענטן. אַ צופֿאַל איז געוואָרן די סיבע דערפֿון, וואָס גאָרעליק האָט אָנגעהויבן זינגען ייִדישע לידער אונטערן אַקאָמפּאַנעמענט פֿון אַ גיטאַרע (מע האָט זי וועגן דעם געבעטן אויף אַ סטודענטישן אָוונט), נאָר אין דער דאָזיקער צופֿעליקײַט האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַ געזעצמעסיקײַט פֿון דער צײַט. אין דער יוגנטלעכער סוויווע האָט זיך פֿאַרשפּרייט די טענדענץ פֿון אַ קאַמער־מוזיצירונג, ווען דער אויספֿילער, ניט זעלטן איז ער אויך דער אווטאָר, דערציילט זײַנע פֿרײַנט מיט די מיטלען פֿון אַ ליד וועגן געפֿילן און פּראָבלעמען, וואָס רירן אים אָן. אַזאַ מין דערציילן איז געוואָרן כאַראַקטעריסטיש ניט נאָר פֿאַר טוריסטישע לידער (פֿון וועלכע דאָס אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן), נאָר אויך פֿאַר סאַמע פֿאַרשיידנאַרטיקע לויטן זשאַנער וואָקאַלע מיניאַטיורן, דערונטער אויך פֿאָלקסלידער. דערבײַ האָט די פֿאָלקסליד ניט בלויז נישט פֿאַרלאָרן איר ספּעציפֿיק,

נאָר, פאַרקערט, זי האָט אַנטפּלעקט נײַע אייגנשאַפטן אינעם קאָנטעקסט פון דעם הײַנטצײַטיקן וועלט־באַנעם.

דאָס געזאָגטע האָט פּולקום אַ שײַכעס אויך צו דער ייִדישער פאָלקסליד. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, קאָן דער סטיל פונעם אויספילן אונטער אַ גי־טאַרע פאַרייניקן לידער פון פאַרשיידענע טקופעס און זשאַנרען. גאַרעליקס רע־פּערטואַר שליסט איצט אײַן באַ פּופּציק פאָלקסלידער. זײַן היסטאָרישער און זשאַנרען־דיִאַפּאַזאָן איז גאַנץ ברייט — אָנגעהויבן פון אַלטע פאָלקסלידער און ביז הײַנטצײַטיקע לידער און ראָמאַנסן, אָנגעהויבן פון קינדערשע לידעלעך און ביז דראַמאַטישע באַלאַדעס. און אין יעדער ליד אַנטפּלעקט די אויספילערן אַ טיפן אינהאַלט, וואָס עס מאַכט דעם צוהערער צו דערפילן דעם עמעס און די כאַכמע פונעם ייִדישן פאָלקלאָר.

לעצטנס זוכט אַ. גאַרעליק נײַע אויסדרוק־פאָרמען באַם אויספילן ייִדישע לידער. אַזוי איז אויפגעקומען דער געדאַנק צו שאַפן אַ פּראָגראַם אין דער באַגלייטונג פון אַ ראָיאַל. די דאָזיקע אינטערפּרעטאַציע וועט דערלויבן, אָפּ־היטנדיק דאָס שוין דערגרייכטע, קומען צו ברייטערע מוזיקאַל־בילדערישע פאַר־אַלגעמיינערונגען, שאַפן נײַע מעגלעכקײַטן אין דער ניואַנסירונג און דינאַמיק פון די לידער.

אין דעם וואָקאַלן רעפּערטואַר פון אַלעקסאַנדרע גאַרעליק זײַנען פאַראַן אויך לידער פון די סאָוועטישע ייִדישע קאָמפּאָזיטאָרן וולאַדימיר טערלעצקי און זינאָווי קאָמפּאַנייעץ. מיט דער אויספילונג פון טערלעצקיס לידער איז פאַרבונדן גאַרעליקס ערשטע עפנטלעכע אַרויסטרעטונג אַלס זינגערין. אָפּן וווּטאָרישן קאָנצערט פון טערלעצקין אין אַלפאַרבאַנדישן הויז פון קאָמפּאָזיטאָרן האָט זי אויסגעפילט אַנטיפאַשיסטישע לידער אויף אַרן ווערגעליסעס ווערטער — די „באַ־לאַדע וועגן אַ שיינער ייִדישקע" און „עסטערקע". אינגיכן האָט מען איר פאַר־געלייגט זיך פאַרשרײַבן אויף טערלעצקיס פּלאַסטינקע מיטן טיטל „דער אַרויס־גאַנג פון די שטערן", וועלכע איז ניט לאַנג צוריק אַרויסגעלאָזט געוואָרן אין דער פירמע „מעלאָדיִאַ". איינעם מיט אַנדערע אַרטיסטן פונעם מאָסקווער ייִדישן דראַמאַטישן אַנסאַמבל — באָריס קינערן און מאַרגאַריטע ווישניאַקאָ־וועַן — זינגט זי „צאַר לי" און „שאָלעם!", באַטייליקט זיך אינעם אויספילן אַנ־דערע לידער אין באַשטאַנד פון אַ וואָקאַלן אַנסאַמבל.

אַלעקסאַנדרע גאַרעליק איז בעלי־סאַפעק אַן אינטערעסאַנטע און פּערס־פּעקטיווּפולע אויספילערין פון ייִדישע פאָלקסלידער, און דאָך איז איר איקער־דיקע שעפערישע אַרבעט פאַרבונדן מיטן טעאַטער. די ערשטע אַרבעט אירע

אינעם ייִדישן דראמאטישן אנסאמבל איז געווען די ראָל פון דער ציג אינעם ספּעקטאקל „דער פארקישעפטער שנײַדער" לויט שאָלעם־אלייכעמען (רעזשי — פּ. בערמאַן). די ספּעציפיק פונעם ספּעקטאקל איז באשטאנען אין אריַנברענגען אינעם הײַנטצײַטיקן טעאטער עלעמענטן פון א פּורים־שפּיל־קארנאוואל מיט מאסקעס און מיט אנדערע זײַנע אטריבוטן. אינגאנצן גענומען, איז עס ניט קיין נאָווינע פארן ייִדישן טעאטער. שוין גאָלדפאדן האָט מיט הונדערט יאָר צוריק אין זײַן „קישעפמאכערן" אָנגעטאָן אף א מענטשלעכן פּערסאָנאזש די מאסקע פון א כײַע. נאָר א ציג זאָל דערווערבן א מענטשלעך געשטאלט — אזוינס איז נאָך ניט געווען. דאָס „פּובליקום" האָט אָבער גלײַך אופגענומען „דאָס מיידל, וואָס שפּילט א ציגעלע". אין דעם זעלבן ספּעקטאקל האָט גאָרעליק געזונגען פינף פאָלקסלידער — פרייַלעכע, פולע מיט געזונטן שפּאס „כ'בין א ציגעלע", „טשירי־באָם", „די גאָלדענע פּאווע פליט", די לירישע „ליב האָב איך א שטיקל ליים" און די פולע מיט טראגיזם „אוי, ס'בענקט זיך אהיים". די דאָזיקע לידער האָבן ניט קאָמענטירט די האנדלונג, נאָר געווען אירע א באשטאנדטייל, וואָס עס שטאמט אויך פון די טראדיציעס פון דער ייִדישער בינע.

גאָרעליקס אקטיאָרישער אמפּלוא איז די העלדן־ראָל. טאקע אין אָט דעם אמפּלוא באטייליקט זי זיך אינעם ספּעקטאקל „קאָמעדיִאנטן", וועלכן ס'האָט אווּקגעשטעלט יאקאָוו גובענקאָ לויט די מאָטיוון פון שאָלעם־אלייכעמס „בלאָנדזשנדע שטערן". דער וווּנדערלעכער צונויפפאל פונעם כאראקטער פון דער אויספּילערן און פון דעם פּערסאָנאזש, וועלכן זי פארקערפּערט, האָט, קאָן זײַן, מיטגעהאָלפן דער ראָמאנטישער באפארבונג פון דער האנדלונג, וועלכע עס האָבן נישט געקאָנט ניט אָפּשאצן די צושויער. און דעריקער איז דאָס, וואָס די ארטיסטקע שפּילט א נאציִאָנאלן ייִדישן כאראקטער. דעריבער פארגעדענקט זיך איר שפּיל ווי א דערשײַנונג פונעם עצם ייִדישן טעאטער.

אין זעלבן ספּעקטאקל האָבן צום ערשטן מאָל געקלונגען א סאך פון די הײַנט באוווּסטע טערלעצקיס לידער, און זייערע אויספּילער זײַנען געווען די טעאטראלע ארטיסטן א. גאָרעליק און ב. קינער.

באָריס קינער איז איינער פון די אמערסטן אינטערעסאנטע און טאלאנטירטע אקטיאָרן פונעם איצטיקן ייִדישן טעאטער. ער איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט קאָלאָמנע הינטער מאָסקווע. זײַן פאָטער, וועלכער האָט אמאָל געשפּילט אף פידל אין א ייִדישן פאָלקס־טעאטער, האָט וווּנדערלעך געקענט דעם ייִדישן אינסטרומענטאלן פאָלקלאָר אין בעסאראביע און מײַרעוו־אוקראַינע, וווּ עס איז דורכגעגאן זײַן יוגנט. די מוטער, וועלכע האָט אונטעריכטעט ענגליש

אין אַן אָרטיקן אינסטיטוט, האָט א סאך צײַט אָפּגעגעבן דעם דערלערנען און פּראָפּאגאנדירן די סאָוועטישע און די אויסלענדישע טעאטראלע קונסט. אָט פארוואָס עס איז קיין כידעש ניט, וואָס באָריס האָט פרי אָנגעהויבן זיך פארנעמען מיט מוזיק — זי געלערנט אין א מוזיקאלער שול אפן פידל־קלאס און ארויסגעוויזן א באזונדערן אינטערעס צו דער גיטארע. נאָך פונעם פינפטן קלאס האָט ער אָנגעהויבן אליין פארפאסן, אויספילנדיק זײַנע אייגענע לידער אף זעלבסטעטיקע קאָנצערטן און אין ספּעקטאקלען פון א טעאטראלער סטודיע.

וועגן דעם פּראָפּעסיאָנעלן טעאטער אָבער האָט קינער לעכאטכילע אפילע ניט געכאָלעמט. נאָכן פארענדיקן די מיטלשול איז ער, א ליבהאָבער פון מאטעמאטיק, אָנגעקומען אין קאָלאָמנער פּעדאגאָגישן אינסטיטוט, ווו ער האָט באקומען דעם פאך פון אונטעריכטן דעם דאָזיקן קעגנשטאנד. און דאָך האָט די שטרעבונג צום טעאטער באזיגט. באָריס קינער ווערט נאָכאמאָל א סטודענט, איצטער שוין פון דער טעאטראלער שול אף שטשוקינס נאָמען. דאָרט לערנט ער זיך בא דער פאָלקס־ארטיסטקע פון רספסר א. א. קאזאנסקאיא. צו אים קומט דער עכטער פּראָפּעסיאָנאליזם, און צוזאמען מיט דעם די מעגלעכקײַט זיך צו אנטפּלעקן אין פארשיידענע ריכטונגען פון דער אקטיאָרישער קונסט. זײַענדיק נאָך א סטודענט פון דער טעאטראלער שול, האָט ער געשפּילט אין ספּעקטאקלען פון דער פּאָטערלענדישער און אויסלענדישער קלאסיק.

עס קאָן זיך דוכטן, אז באָריס קינערס ביאָגראפיע פארן פארענדיקן די טעאטראלע הויכשול איז לאכלוטן ניט פארבונדן מיט דער יידישער קונסט. ס'איז אָבער ניט אזוי. נאָך אין דער קינדהײַט אינטערעסירט ער זיך מיט יידישער מוזיק און טעאטער. כוץ דעם, לערנט ער זעלבשטענדיק אויס און זינגט אונטער דער גיטארע אייניקע יידישע פאָלקסלידער.

יאָ, ווידער די גיטארע... זי האָט אָפּגעשפּילט אין דער שפּעטערישער ביאָגראפיע פון באָריס קינערן א וויכטיקע ראָליע. נאָך אין די פריִע יאָרן האָט זיך צונויפגעלייגט אן אינטערעסאנטער דועט פון באָריסן און זײַן ברודער מיכאיל. זיי האָבן אליין פארפאסט לידער און זיי געזונגען אין דער גיטארע־באגלייטונג. דער דועט האָט דערוואָרבן פּאָפּולערקײַט אין דער יוגנטלעכער סוויווע. זײַנע לידער, באנאנד מיט די לידער פון די איצט באוווסטע יורי וויזבאָר און סערגיי ניקיטין, האָט געזונגען די סטודענטישע יוגנט פון פיל שטעט אין לאנד.

אין 1980 איז פאָרגעקומען דער אלפארבאנדישער פעסטיוואל פון דער יוגנטלעכער ליד, אף וועלכן די ברידער קינערס האָבן געקראָגן דעם הויפּט־

פּריז — דעם פּריז פֿונעם זשורנאַל „קלוב אי כודאָזשעסטווענאיא סאַמאָדעיאַ־טעלנאָסט״. וועגן זיי האָט אָנגעהויבן שרײַבן די פּרעסע.

דער זשורנאַל „מוזיקאַלנאיא זשיזן״ האָט געשריבן: „אַן עמעסע אַנטדעקונג פֿונעם פֿעסטיוואַל זײַנען געווען די ברידער באַריס און מיכאיל קינערס... זייער באַגאַבונג איז פֿילזײַטיק און וווּנדערלעך גאַנצלעך. טאַקע דאָס איז דער טאָך פֿון דער זעלבסטשטענדיקער ליד, ווו די מוזיק, די פּאָעזיע, די אויספֿירונג זײַנען אומצעטיילבאַר. זיי זײַנען ניט בלויז גלײַכע לויט זייער באַדײַטונג, נאָר — אין אידעאַל — פֿאַרייניקט אין איין פּערזאָן. אין געגעבענעם פֿאַל זײַנען פֿאַראַן צוויי שעפֿערישע פּערזאָנען (באַריס — דער אַוטאָר פֿון דער מוזיק, מיכאיל — דער אַוטאָר פֿונעם טעקסט), זייער קעגנזײַטיקער צווישנפֿאַרשטאַנד איז פּערפֿעקט, דער אויספֿירערישער דועט קרויִנט די וווּנדערלעכע אייניקײַט, נאָר פֿאַרשליסט זיך ניט אין איר. אויסערגעוויינלעך דין און פֿולבלוטיק אינטערפּרעטירן די קינערס די שאַפֿונג פֿון אַנדערע אַוטאָרן, וואָס זײַנען זיי נאָענט לויטן גײַסט. „די סאָלדאַטישע מיטלאַלטערלעכע״, „די ווינטערדיקע וועג־ליד״ (דועט פֿון די אַוטאָרן), ווי אויך „דער 33־טער טראַמוויי״ (ווערטער פֿון אי. ראַדקאָווסקין, מוזיק פֿון פּ. סטאַרטשיקן) — זײַנען, דאַכט זיך, דאָס בעסטע, וואָס איז אויסגעפֿאַלן צו הערן אויפֿן פֿעסטיוואַל. בעלי־סאָפֿעק, איז די שאַפֿונג פֿון די קינערס אַ דערשײַנונג פֿון עכטער קונסט, אָבער נאָך וויכטיקער איז דאָס, וואָס זי איז פֿאַרשטענדלעך און איז אויפֿגענומען געוואָרן אין דער יוגנטלעכער אַודיטאָריע, ווי אַן עכטע קונסט, אַ בירגערלעכע, אַ קינסטלערישע, אַן עטישע״[1].

שפּעטער ווערן די ברידער קינערס זיגער פֿונעם קאָנקורס פֿון דער יוגנטלעכער ליד אין טאַשקענט. זיי זײַנען געווען לאַורעאַטן אויך אין אַלמאַ־אַטאַ, ווו זיי האָבן געזונגען בײַם די פֿײַערונגען פֿון דעם 60־יאָריקן יובילײַ פֿונעם לענינישן קאָמסאָמאָל. לויט פּוטיאָווקעס פֿון דעם מאָסקווער שטאָט־קאָמיטעט פֿון קאָמיוג זײַנען זיי אַרויסגעטראָטן אין קיִשינעוו, וואָלגאָגראַד, אין פֿיל אַנדערע שטעט פֿון דער רוסלענדישער פֿעדעראַציע און פֿון אַנדערע רעפּובליקן.

אינעם וולאַדיוואָסטאָקער קאָנקורס פֿון דער יוגנטלעכער ליד זײַנען זיי שוין מיטגלידער פֿון דער זשורי. די קינערס זינגען אויך אינעם טאָג פֿון דער דערעפֿענונג פֿון דער מאָסקווער אָלימפּיאַדע פֿאַר אַן עולם, וועלכער האָט זיך פֿאַרזאַמלט אויפֿן פּלאַץ פֿונעם פּאַרק אויף גאָרקיס נאָמען.

[1] «Музыкальная жизнь», 1980, № 13.

ס'האָט זיך פאַרגעדענקט אזא עפּיזאָד. בייס א צונויפלי פון די ענטו־זיאסטן פון דער יוגנטלעכער ליד, אַף א וואלד־לאָנקע אונטער אַן אימפּראָוויזיר'טן דאך פון א ספּאָרטיוון פּאַראַשוט, האָט באָריס קינער געזונגען זיינע לידער. און צווישן זיי — צוויי פּאָלקסלידער אַף יידיש. דער עולם האָט מיט פרייד אויפגענומען די ארויסטרעטונג.

באָריס קינער איז א טאלאנטפולער קאָמפּאָזיטאָר. לעצטנס האָט ער פאַרפאסט א ציקל ראָמאנסן אַף די טעקסטן פון אינאָקענטי אנענסקי. ארום דער אוטאָרישער אויספילונג פון די דאָזיקע ראָמאנסן איז אינעם יידישן דראמאטישן אנסאמבל געשטעלט געוואָרן דער ספּעקטאקל „צעשיידט זיך ניט מיט געליבטע" לויט א. וואָלאָדינס פּיעסע. קינערס גיטארע האָט געשפּילט אויך אין אנדערע ספּעקטאקלען. אין „קאָמעדיאנטן" זיינען דאָס די לידער „שאָלעם", „דער מאמעס הארץ" און „צאר לי" (אין א טריאָ מיט מ. ווישניאקאָווען און א. גאָרעליקן), אין „יידישן אנעקדאָט" — די באלאדע „לאָמיר רעדן פון די קדוישים".

אלס דראמאטישן אקטיאָר זעען מיר באָריס קינעו'ן אין פארשיידענע ספּעקטאקלען — סיי מיט דער גיטארע, סיי מיטן פידל (אין „קאָמעדיאנטן"), סיי בא דער פאָרטעפּיאנע (אין „טעוויע דער מילכיקער"), — און אומעטום אָרגאניש און איבערצייגעוודיק. אין „קאָמעדיאנטן" איז ער איזאק שוואלב, אין „טעוויע דער מילכיקער" — פעדאָצער, אין „צעשיידט זיך ניט מיט געליבטע" — דער אויספילער פון ראָמאנסן. און טאָמיד איז דער ארטיסט קינער אופריכטיק, פינקטלעך אינעם שילד'רן זיין פערסאָנאזש.

אין יידישן דראמאטישן אנסאמבל זיינען, דאכט זיך, ניטאָ קיין צוויי גלייכע לויטן שעפערישן גאנג יונגע אקטיאָרן. גריגאָרי קאהאנאָוויטש איז א כאראקטערנער אקטיאָר, א כיינעוודיקער אַף דער בינע, אזוי אויך אין לעבן. פאַרמאָגנדיק אַן אומיטלבארע מאניר זיך צו האלטן פארן צושויער, רופט ער אלעמאָל ארויס א סימפּאטיע מיט זיין נאטירלעכער טראקטירונג פון פערסאָנאזשן. עס זיינען אים ניט פרעמד קאָמישע געשטאלטן. אזא איז אנשל אין „קאָמעדיאנטן", ווו קאהאנאָוויטש, אויסנוצנדיק עלעמענטן פון סצענישן גראָטעסק, שילדערט ניט נאָר א סאטירישן פּאָרטרעט פון „דעם טאטנס א קינד", וואָס האָט זיך ארויסגעריסן אַף דער פריי, נאָר אקצענטירט אויך די אופמערקזאמקייט פונעם צושויער אַף דער אומגעלומפּערטקייט פון דער שוין אָפּגעווייטערטער טקופע מיט אירע קאבארעס, ווארייעטעס, קאפע־שאנטאנען, מיט איר קולט פון וואָלוועלע פארגעניגנס...

קאהאנאָוויטש טרײַבט קײנמאָל ניט איבער. זײַן מענאכעם־מענדל אין דעם ספעקטאקל „טעוויע דער מילכיקער" איז וואָרהאפטיק און פינקטלעך.

דער ארטיסט שפילט, ווי עס שילדערט דער ספעקטאקל, — לעכאטכילע א יונגן אוואנטיוריסט, וואָס איז פאנאטיש איבערגעגעבן דעם אידעאל פון באַרײַכערן זיך, נאָכדעם א דערפארענעם שאדכן, וועלכער האָט שוין געזען די פאַגראָמען, די „קאָנסטיטוציע" און אלערליי אנדערע „יידישע פריידן" באם צארישן רעזשים. אין בײדע פאלן זײַנען אין דעם אקטיאָרס שפיל ניטאָ קײן איבעריקע זשעסטן און אינטאָנאציעס, קײן שום פאַרסירונגען.

גריגאָרי קאהאנאָוויטש איז א מײַסטער פון דער כאראקטעריסטישער דעטאל. צומאָל זעען זיך אין זײַנע ראָלן פארענדיקטע, שארף אויסגעפילטע אקטיאָרישע עטיודן. אײַנדרוקספול איז די סצענע, בײס וועלכער קאהאנאָוויטש — מענאכעם־מענדל עסט „געשמאַק" באָרשטש. ס'איז אומעגלעך אײַנהאלטן דעם געלעכטער, ווען ער, אינײינעם מיטן ארטיסט טשערנאָוו (סימכע), אימיטירט די קאָרטן־שפיל, וועלכע פארענדיקט זיך מיט א געשלעג („קאָמעדיאַנטן").

ג. קאהאנאָוויטש איז נאָך פארן אָנקומען אין דער טעאטראלער שול אָף שטשעפקינס נאָמען דורכגעגאַן די שול פונעם ליאלקע־טעאטער און איז ארויסגעטראָטן אָף דער בינע פונעם מאָסקווער טעאטער פון ליאלקעס. שפעטער, שוין א רײַפער ארטיסט, האָט ער געשפילט אין דער מאָסקווער עקספערימענטאלער טעאטער־סטודיע, ווו א באזונדערע אופמערקזאמקײַט פלעגט מען שענקען דער פלאסטישער אויסדריקלעכקײַט. אין זײַן אקטיוו זײַנען פאראן פארשײדנארטיקע ראָלן, אין דראמאטישן און מוזיקאלישן זשאנער און אינהאלט טעאטראלע ארבעטן. אָף יעדער נײַער ראָל זײַנער אינעם יידישן דראמאטישן אנסאמבל ווארט מען מיט גרויס אינטערעס.

צום שלוס פון אָט דער קורצער פארצײכענונג וועגן די יונגע ארטיסטן פון דעם מאָסקווער יידישן דראמאטישן אנסאמבל ווילט זיך זאָגן וועגן נאָך אײן טאלאנטפולער אקטריסע — אנעטע טאבאטשניקאָווע. אין אנסאמבל איז אנעטע געקומען ניט לאנג צוריק. נאָכן פארענדיקן די „וואכטאנגאָוו־שול" (אזוי רופט מען די טעאטראלע שול אָף שטשוקינס נאָמען) האָט זי פינף יאָר געשפילט אָף דער בינע פונעם יידישן מוזיקאלן קאמער־טעאטער, און בלויז לעצטנס האָט זי פארבונדן איר גורל מיטן דראמאטישן קאָלעקטיוו. אנעטע איז אן אוניווערסאלע אקטריסע. באהערשנדיק מײַסטעריש די פלאסטיק, האָט זי נאָך אינעם מוזיקאלן קאמער־טעאטער געשפילט א ריי עפיזאָדן און זשאנער־נומערן, אין וועלכע זי האָט דורך טאנץ־מיטלען פארקערפערט קאָלאָריטפולע נאציאָנאלע געשטאלטן. אין דעם נײַעם קאָלעקטיוו האָבן זיך פרײַ אנטפלעקט אירע דרא־

מאטישע פעיִקייטן. די אקטריסע איז אימשטאנד אויסצודריקן סיי א שארפן גראָטעסק, סיי עכטן טראגיזם, סיי גוטהארציקן הומאָר און לירִיק. איר ארט שפילן איז שטענדיק אומדערוואַרט. צייטל אין „טעוויע דער מילכיקער" טראקטירט זי ווי א געשטאלט, וואָס אנטוויקלט זיך אָן אופהער אין משך פון דער גאנצער האנדלונג. א קונדייסע, א זעלבסטליבנדיקע — אזא זעען מיר זי אין אָנהייב פון דער האנדלונג, צום שלוס דערוועבט זי אין דער פולער מאָס דאָס געשטאלט פון א טראגישער יִדישער פרוי. גאָר אן אנדערע איז די שאדכנטע אינעם „יִדישן אנעקדאָט". מיט קארגע שטריכן שילדערט די אקטריסע דעם סאָציִאל פינקטלעכן פאָרטרעט פון א הײַנטצײַטיקער שאדכנטע — א יורשטע פון מענאכעם־מענדלען. אומדערוואַרט, נאָר אויך איבערצײַגעוודיק, איז די ראָל פון איינעם פון די ריכטער אינעם ספעקטאקל „צעשיידט זיך ניט מיט געליבטע".

דער איקער אָבער איז בא אנעטע טאבאטשניקאָווען איר פולע נאטירלעכקייט אינעם אמפּלוא אלס יִדישע אקטריסע. שפּירנדיק נאָך איר אופירונג אף דער בינע, איבערצײַגסטו זיך, אז ווײַט ניט אלץ קאָן א שוישפּילער זיך „אויסלערנען". צומאָל באשטימט די נאטור אליין די אויסדריקלעכקייט, און מיט דעם איז צו דערקלערן, פארוואָס אנעטע טאבאטשניקאָווע, פּונקט ווי די אנדערע יונגע ארטיסטן, וועגן וועלכע עס גייט דאָ א רייד, ציט צו די סימפּאטיעס פונעם צושויער־זאל.

●

אינהאלט

יולי ענגעל — דער קריטיקער, פֿאָלקלאָריסט און קאָמפּאָזיטאָר 3
וועגן דרײַ רעוואָליוציאָנערע לידער, וועלכע ס'האָט פאַרשריבן אירמע יאונזעם 16
מוזיק אין מיכאָעלסעס לעבן 21
וועניאמין פליישמאַן און זײַן אָפּערע „ראָטשילדס פידל" 31
א וועטעראַן פון דער יידישער מוזיקאַלער קולטור 39
דער קאָמפּאָזיטאָר וולאַדימיר טערלעצקי 46
פיר יונגע אקטיאָרן פונעם מאָסקווער יידישן דראמאטישן אנסאמבל 53

ווי קטאָר לענזאָן

מוזיק אין אונדזער לעבן

מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל", 1987, 64 זײַטן
קינסטלערישע און טעכנישע רעדאַקטור—
ס. טשערניאַק, יע. טשערנינא
קאָרעקטאָר — כ. אָסטראָווסקי

Виктор Лензон

МУЗЫКА В НАШЕЙ ЖИЗНИ

М., «Советский писатель», 1987, 64 стр.
Под общей редакцией А. Вергелиса
Художественная и техническая редакция
С. Черняк и Е. Чернина
Корректор Х. Островский

Сдано в набор 27.02.87. Подписано к печати 18.04.87.
Формат 70X108¹/₃₂. Бумага типографская № 1. Печ. л. 2.
Условн. печ. л. 2,8. Заказ № 119.

Редакция журнала «Советиш геймланд»
Москва, 101000, Центр, ул. Кирова, 17.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва, 121019, пер. Аксакова, 13.

Supplement to "Sovietish Heimland" No. 5, 1987

© Журнал «Советиш геймланд», 1987.